דער דאנערשטאג-נומער · תורה'דיגע זאכן פון די אידישע ארכיוון

# ארכיוון

**נומער 2** דאנערשטאג פרשת לך לך תשפ"ז · 22סטן אקטאבער 2026

ארטיקלען, שמועסן און פערל פון צוואנציג יאר אידישע פארומס און בלאגס – אויסגעקליבן און מגיה געווען, און צוריק צו די ליינער.


לכבוד שבת קודש

**לך לך – פארוואס הערסטו נישט?!**

א שעפעלע, אויף פרשת לך לך – דער רוף צו יעדן איד, אין יעדן דור

פעליעטאן

**השבת אבידה – די פארלוירענע שעה**

זאלצוואסער, איבער דער עקסטערער שעה

הומאר

**ר' מאטל דער ווײן-מבין**

יואב, א פרייטאג אין שמש'ס שטיבל

איבערלעבענישן

**מיין יוגנט מיט רבי לעמל אין אוישוויץ**

איש עברי, קאווע שטיבל

אנשי שם

**משה איש האלקים**

א איד, איבער ר' משה ניו יארקער ז"ל

שמועסן אויף דער סדרה

**ווי איז אברהם אבינו געבוירן געווארן?**

אור כשדים, חרן אדער כותא – דולה ומשקה און די חברים


**פון די ארכיוון:** קאווע שטיבל · הײדפארק · אייוועלט · פאליש · דער קרעטשמע · היימישע קרעטשמע · אידישע וועלט · היימישע ווינקל · זאלצוואסער · א וועלט מיט וועלטעלעך · די ערשטע חסידישע בלאגס · מייסטערווערק · כוואליעס · באלעבאס

הקדמה

# א גוטן דאנערשטאג – דער ערשטער תורה'דיגער נומער

שלום עליכם, טייערע ליינער, צום ערשטן דאנערשטאג-נומער פון "ארכיוו"!

"ארכיוו" קומט ארויס צוויי מאל א וואך: מאנטאג – א וועלטליכער נומער, מיט סייענס, היסטאריע, מעשיות און דיסקוסיעס; און דאנערשטאג – א תורה'דיגער נומער, מיט דער סדרה פון דער וואך, מיט אידישקייט און מיט שטיקער פון אידישן לעבן, לכבוד שבת קודש. מאנטאג האבן מיר אנגעהויבן מיט'ן ערשטן וועלטליכן נומער; היינט, דאנערשטאג, קומט דער ערשטער תורה'דיגער נומער, אויף פרשת לך לך.

ביי די ארטיקלען: א פעליעטאן פון זאלצוואסער איבער דער "עקסטערער שעה" וואס מיר באקומען ווען מ'דרייט צוריק דעם זייגער (דעם קומענדיגן מוצאי שבת אין ענגלאנד, א וואך שפעטער אין אמעריקע), און איבער די שעות וואס מיר פארלירן יעדן טאג; ר' מאטל דער ווייז-מבין, דער באליבטער פעליעטאן פון יואב איבער א פרייטאג אין שמש'ס שטיבל און א שבת-טיש מיט א פלעשל וויין; א רירנדע שטיק פון קאווע שטיבל איבער א שטילן איד, א לעבן-געבליבענעם פון אוישוויץ; און "משה איש האלקים" – דאס לעבן פון ר' משה ניו יארקער, א פארבארגענעם איד, פון דייטשלאנד ביז מאנסי, אזוי ווי "א איד" האט עס אראפגעשריבן פאר דער "פה-סח" אויסגאבע פון קאווע שטיבל.

לכבוד שבת קודש: "לך לך – פארוואס הערסטו נישט?!", א שמועס אויף דער פרשה פון "א שעפעלע", וואס האט יעדע וואך געשריבן אויף קאווע שטיבל "מיט א טיפערן בליק". און א קורצער שמועס פון די חברים אויף קאווע שטיבל: וואו איז אברהם אבינו בכלל געבוירן געווארן – אין אור כשדים, אין חרן, אדער גאר אין כותא?

ביי יעדן שטיק שטייט פון וועלכן ארכיוו עס קומט, דער ניק פונעם שרייבער, און ווען עס איז געשריבן געווארן. די טעקסטן זענען די שרייבער'ס אייגענע ווערטער; מיר האבן נאר מגיה געווען דעם אויסלייג און די גראמאטיק, און וואו עפעס איז געווען צו לאנג, האבן מיר עס פארקירצט (דאס איז באצייכנט **[פארקירצט]**).

מאנטאג קומט נומער 3, מיט וועלטליכע זאכן, און דעם קומענדיגן דאנערשטאג נומער 4, אויף פרשת וירא.

א גוט שבת, און האט הנאה פון ליינען!

די רעדאקציע

## אין דעם נומער


ארטיקל **השבת אבידה – די פארלוירענע שעה** · זאלצוואסער 3

ארטיקל **ר' מאטל דער ווייז-מבין** · יואב 5

ארטיקל **מיין יוגנט מיט רבי לעמל אין אוישוויץ** · איש עברי 9

ארטיקל **משה איש האלקים** · א איד 12

ארטיקל **לך לך – פארוואס הערסטו נישט?!** · א שעפעלע 18

קאלום **וואו איז אברהם אבינו געבוירן געווארן?** · דולה ומשקה 23

ארטיקל · פעליעטאָן

# השבת אבידה – די פארלוירענע שעה

זאלצוואסער (zaltzvaser.wordpress.com) | זאלצוואסער | 3טן נאוועמבער 2014



**יעדעס יאר אום דער צייט ווערט דער זייגער צוריקגעדרייט, און מיר באקומען "מתנה" א שעה. דער בלאגער זאלצוואסער האט זיך אמאל געזעצט אויסרעכענען וואס צו טוהן מיט איר.**

יעדעס יאר די זעלבע זאך: מ'רעדט, מ'גרייט זיך און מ'יובל'ט אויפ'ן געווינס וואס גייט קומען מוצ"ש זייגער צוויי. מ'טריאומפירט איבער אן עקסטערע שעה וואס ווערט צוגעלייגט אויפ'ן זייגער, און די געוועגליך פארנומענע אידן, וואס האבן א פולן סקעדזשול פאר די אזוי אויך פארנומענע 24 שעה פונעם זייגער, הייבן אן אראפצוציפן מינוטקעלעך כדי אויפריכטיג צו פלאנירן די עקסטערע שעה וואס הקב"ה שענקט אונז.

אלזא, ווי אלעמאל, בין איך געזעסן מער ווי איין שעה און געקראצט דעם קאפ: וואס קען איך אלץ טוהן אין דער איבריגער שעה וואס איך וואלט ווען אזוי וויכטיג געדארפט פיל מאל? איך פרוביר איבערצוקוקן מיין קאלענדער און זען וואו עס זענען די אנגעשטרענגטע שעות וואס איך האב אזוי שטארק געוואלט פארלענגערן, און לאמיר זען צי די איבריגע שעה וועט ארויסהעלפן אין דעם שעת הדחק.

> **"איך קריג אן עקסטערע שעה, און איך ווייס נישט וואס צו טוהן מיט איר."**

איך קוק צוריק אויף חודש תשרי פון פאראיאר. באמת הייב איך אן נאך ביי סליחות, ווייל איך געדענק אז עס איז געווען "אנגעצויגן מיט צייט". איך קוק מיך ארום וואו איך קען דארט אריינווארפן די איבריגע שעה. אה, פינף אזייגער סליחות... איך מיין אז דאס איז גענוג פאר מיר. איך וויל נישט קיין עקסטערע שעה דארט. נעקסט, פליז.

עס איז ערב ראש השנה, מ'זאגט צוויי שעה סליחות. איך מיין אז ס'איז אויך גענוג. הגם די לעצטע מינוטן פאר'ן זמן זענען יא עפעס אנגעשטרענגט, אבער נאך א טאג פון 11 לאנגע שעה, אז ס'האט נישט געלינדערט די שמערצן, וועט איין שעה שוין נישט אויסמאכן.

דאס דאוונען ראש השנה איז אזוי אויך גענוג לאנג, און אפילו אין דער פויזע וואלט איך נישט אריינגעשטופט נאך א שעה. שלאפן קען מען נישט, עסן וויל מען נישט, דאוונען דאוונט מען נישט; נו, די 30 מינוטיגע פויזע דינט פונקט גוט פאר וואס מ'דארף איר. נעקסט, פליז.

צום גדליה, פאסטן נאך א שעה? נע! נישט קיין עסק פאר מיר.

כפרות שלאגן? תשליך? יום כיפור? וכו'. איך קען נישט טרעפן די שעה ווען עס איז די ריכטיגע צייט אריינצושטופן אן עקסטערע שעה. אלעס קוקט אויס אזוי פערפעקט, און פונקט וויפיל מ'ברויך.

נו? וואס טוהט מען דא? איך קריג אן עקסטערע שעה, און איך ווייס נישט וואס צו טוהן מיט איר.

הכלל, איך זיץ און איך שפעקוליר: אפשר וועט אן עקסטערע שעה אין דער ארבעט ברענגען עקסטער געלט? געלט איז דאך עפעס וואס אין אמעריקע האט א שייכות מיט דער שעה – טיים איז מאני...

## "וויפיל שעות זענען מיר מאבד לדעת, אז מיר פרייען זיך אזוי מיט אן עקסטערער שעה?"

דא איז וואו דער מח גיט זיך מיר א וועק אויף. וועלכע שעה אין דער ארבעט איז די מערסטע פראדוקטיוו? און וויאזוי קען איך באמת טרענספערירן א שעה פון א מוצ"ש ביינאכט צו א העפטיגער ארבעטס-שעה פון א מאנטאג אדער דינסטאג?

מיט אביסל התבוננות איז עס געלונגען, און איך מיין אז די שעה האט זיך אויסגעצאלט. די שמחה פון דער עקסטערער שעה וואס מיר קריגן איז דאך עפעס פון וואס מ'קען זיך ארויסלערנען און דערפון ציען א פאראלעל צו דער גאנצער יעריגער התנהגות.

איך קוק מיך אום אין דער ארבעט צווישן די ארבעטער ארום מיר, און צווישן די אנדערע גוטע פריינט און קרובים, פון וועמען איך הער צומאל בערך די זעלבע שפראך. מ'טרעפט זיך אויף א שמחה, אדער סתם אזוי אין א גוטמוטיגן שמועס, און יעדער פארציילט פון זיינע איבערלעבענישן פון טאג: איינער רעדט פון די שוועריגקייטן מיט'ן בעל הבית זיינעם, א צווייטער פון א קאלעגע אין דער ארבעט, און א דריטער סתם אזוי איבער דער שווערער ארבעט וואס ער האט. און צוזאמען איז מען זיך מחזק, און עס ווערט אויפגעוויזן אז יענעמ'ס גראז איז באמת נישט גרינער.

אה, ווען איך וויל אריינווארפן אן עקסטערע שעה, איז עס אמאל א גרעסערע לאנטש-פויזע, אדער אמאל פריער אהיימגיין, אדער שפעטער קומען. ווידעראום פאר די בעלי בתים שבתוכינו: אמאל אן עקסטערע שעה נאכצוקומען די ארבעט און נישט דארפן פרייטאג בלייבן לענגער, אדער וועקנעמען די אומענדליכע שעות ביינאכט וואס מ'מוז אמאל בלייבן אין אפיס ענדיגן א פראיעקט. יא, איך האב וואו צו לייגן מיין שעה.

ביז אהער האב איך געשריבן טראכטנדיג פון תשנ"ב. אבער ווען איך האב מיך אויפגעשטעלט א צופרידענער און געוואלט פארשליסן דעם פאקט אז מ'גייט צולייגן א שעה, און ראטן די חברים אין וועלכע שעות עס אריינצושטעלן, באמערק איך אויפ'ן לוח, אזוי אוועקלייגנדיג, אז מ'האלט שוין תשע"ה.

דאס גאנצע בילד האט זיך געטוישט, און איך האב מיך צוריקגעזעצט אנטוישט...

תשע"ה. צו וועמען זאל איך זיך ווענדן? פאר וועמען זאל איך צולייגן א שעה? פאר וועמען איז נאך א שעה טייער?

יא, יעדער יאגט זיך, יעדער פלאגט זיך. אבער לאמיך צוריקגיין צו מיין שמועס מיט די זעלבע חברים און הערן וואס זייערע זארגן זענען, און זען צי איך קען קומען מיט מיין "חכמה עצומה" פון צולייגן א שעה צו העלפן אין זייער נויט.

מ'שטייט א קבוצה און מ'שמועסט. פון וואס? פון די נייעס, פון א פרישן קליפ, פון א מעסעדזש וואס איז ארומגעפארן, פונקט היינט געזען, איינער האט געשיקט, געזען ביי א חבר, וכו'. יעדער מיט אנדערע תירוצים. און איך וואונדער זיך.

דארפן מיר טאקע אן עקסטערע שעה? אדער קענען מיר ספאנסערן אפאר שעה פאר אן אנדערן וואס ארבעט נאך יא שווער?

אויב דארפן מיר טאקע אזוי וויכטיג אן עקסטערע שעה – נוצן מיר די שעות וואס מיר האבן?

מיר זענען באזעסענע אידן און ערוואקסענע בני אדם. וואלטן מיר דען נישט געדארפט איבערקוקן יעדן טאג די שעות, און זען וויפיל פונקטליך פון די שעות ווערן באמת גענוצט, און וויפיל פון די שעות נוצן אונז אויס איידער מיר נוצן זיי אויס?

וויפיל שעות זענען מיר מאבד לדעת, אז מיר פרייען זיך אזוי מיט אן עקסטערער שעה?

השבת אבידה: איך האב אייך געפונען אסאך שעות. קומט און נעמט זיי בחפץ לב, און לאמיר זיי נוצן צוזאמען אין פריידן אויף גוטע און ווערטפולע מעשים.

וזאת למודעי: דאס איז נישט געשריבן געווארן לשם מוסר, נאר לשם התבוננות; נישט פאר מיר, נישט פאר דיר, און נישט פאר יענעם, נאר פאר ווער עס וויל א רגע קלערן דערוועגן. בתקוה להבנה.

https://zaltzvaser.wordpress.com/?p=541

ארטיקל · הומאר

# ר' מאטל דער וויין-מבין

## א פרייטאג אין שמש'ס שטיבל, און א שבת-טיש מיט א פלעשל קאבערנעי

קאווע שטיבל, פארום "א שמייכל" | יואב | 4טן יוני 2013




> **א פעליעטאן וואס די ליינער האבן דערמאנט יאר נאך יאר, מיט אויסדרוקן "אשר העין לא שזפתם". דער דערציילער, א יונגער מאן מיט'ן נאמען יואב, איז אויף שבת ביי זיין פעטער – א גרויסער מבין אויף אלעס, און בפרט אויף וויין.**

ר' מאטל מאכט זיין וועג ארויס פון מקווה און גראד כמנהגו אויס דעם שליים פון מויל מיט אזא גריטשע ווי ער זאל וועלן איצט פראבירן סטארטן אן אלטן סטאנציע-וואגאן. נאך אלעם מאכט ער בלויז גרייט א געשמירטע עפענונג צו די לונגען, האבנדיג געהאלטן דעם גוף מיט דער נשמה אינאיינעם פאר'משכונ'ט אין א דאמף-געשטיקטן צימער פון א פרייטאג נאכמיטאג.

די האר-פארפאנצערטע בעקלעך זענען אים רויט ווי ביי א פרה אדומה; די צעשויבערטע בארד שטייט גרייט פאר א מאסיווער רענאוואציע, און אין דער לינקער האנט ליגט ביי עמען א געלעכערט זעקל שמוץ-וועש שטייף איינגעבינדן – במקום האנט-זייגער.

די ווייסע זאקן זיינע זענען שוין מיט שטאלץ אויסגעצויגן אויף די פיס, כאטש וואס ווען ס'קומט צו דעם קאפ איז נאך דער ברייטער הוט מיט א ימי המעשה'דיגן פראכט בעל הבית.

גאנץ מערקבאר זענען די שארפע שטעלונג-דיפערענצן וואס די צוויי פיאות האבן גענומען. זיי שפילן א סצענע פון כשזה קם זה נופל במלוא מובן המילה. די רעכטע פיאה איז אויסגעאקערט מיט פריש געשוירענע נעגל געגנוי ווי א פעלד מוצאי שמיטה; לאנגע שטריקלעך האר שלעפן זיך פון אונטער דעם קאפל. די אנדערע ווידער האלט ביים לעצטן שטאפל קאנסטרוקציע, פארקניפט ביים שפיץ קאפ ווי א בעיבי-קרעאט. הקיצור, בלויז ס'שאטן זיינער זאגט עדות אן צווייפל: "יא, ר' מאטל איז א רעכט גע'טובל'טער".

ר' מאטל שפאצירט אריין אינעם שמש-בונקער, גרייט צו קויפן וויין און אזוי ארום שוין הערן פון דער חברה ליידיגגייער די לעצטערע נייעס. מ'דארף זיין א וויסטער אנטיסעמיט צו האלטן אז כלל ישראל האט זיך וואס צו שעמען מיט אירע אקאדעמיקער. אונטער איין דאך קענען זיך פארזאמלען אין א גרויען פרייטאג א כאפטע מעטעאראלאגן, ארכעאלאגן, עקאנאמיסטן, ביאלאגישע סייענטיסטן, מעטאפיזיקער, מעדיצינישע מבינים, פאליטישע עקספערטן און אלצווייסער. אלץ וואס ס'פאדערט זיך איז בלויז ברייטע אויערן צו קענען סובל זיין אן איבערגעטריבענע דאזע פון פיינפולע שטותים, צי "פאקטן" גאר כלשונם.

ראובן געציל, ווי איך זע, האט צו פארציילן איבער דער דין תורה ביי פיקלוויטש'ן און דעם בלוטיגן גט ביי זעליג'ס א טאכטער. שוין, האב איך דאך געוויסט אז קיין שלום וועט דארט שוין נישט זיין. נעבעך, א גרויס רחמנות, אבער שולדיג איז ער אליינס. ער פארשטייט אלץ בעסער פון וואס מ'זאגט אים, און ער לאזט זיך נישט לערנען. שוין, צו וואס גראבן אין יענעמס צרות. הא! גיב נאר א קוק וועמען

מ'האט דא. יוסל'ן איז דא. נו יוסל, וויפיל אינטשעס שניי ערוואַרט מען צו פאלן אין זיבן וואכן ארום, הא? הייסט עס, מ'גראבט שוין ווייטער קברים, שמעון משה? [פארקירצט] מעגסטו שוין אויסלערנען: "יעדער מיינט בלויז זיך".

## "אלץ וואס ס'פאדערט זיך איז בלויז ברייטע אויערן צו קענען סובל זיין אן איבערגעטריבענע דאזע פון פיינפולע שטותים."

טועמיה האט ער ב"ה אינדערהיים. סארא פרעס מ'מאכט אין בית מדרש. ער האט שוין געזאגט דעם שמש אז ער האלט מ'דארף אויפהערן מיט דער טועמיה. קודם נאר פרייטאג, און ווער ווייסט, אפשר וועט אים נאך אריינגיין א שגעון אין קאפ צו פיטערן דעם עולם טשאלנט ליל שישי אויך. זאל ער זיך טרעפן בעסערע וועגן וויאזוי צו מאכן געלט. די לעצטע 50 יאר האבן שמשים געקענט מאכן פרנסה אן צושטעלן פרעסערייי. סארא געמיינהייט.

נו, וועט מען נעמען א פלעשל ווייז. נאך אלעם, וואו דען קויפט מען ווייז? ער וואונדערט זיך טאקע פון וואנען די ערלים האנדלען איין ווייז. געוויס פארמאגן די קירכעס אזעלכע קליינטשיגע שמש-שטיבלעך – הגם דעם געדאנק האבן זיי בלי ספק גע'גנב'ט פון די אידן.

און פון וואנען קויפן די נישט-רעליגיעזע ווייז? שוין, הייב אן פרעגן קשיות. לאמיר דיר זאגן איין מאל פאר אלעמאל: "אלעס גלייבט היינט".

אין אמת'ן אבער: די גוים פארשטייען צו ווייז ווי יעך צו א ספארט-געים. אלץ וואס זיי ווילן איז נאר הוליען און אנברענגען די צייט. פונקט לעצטנס זאגט מיר אן אינגערמאן אז דאס נעמען דראגס צווישן די כוליגאנעס איז שוין היינט א נארמאלע זאך. שמעו שמים! אין וואספארא צעדרייטער וועלט מיר לעבן היינט! "מ'דארף באזונדער דאנקען גאט אז והבדילנו מן התועים".

חצקל, ווען נישט איך זע דאס מיט די אייגענע אויגן, וואלט איך דאס נישט געגלייבט. "אויף גרעיפדזשוס מאכסטו קידוש? באלאנגסט עפעס אינעם עזרת נשים? וואס, ס'מאגן דיינער פארנעמט נישט אביסל אלקאהאל? עפעס געמאכט פון זייד? הא! גלייב מיר, דיין זיידע ירחמיאל זעט דאס, באפט ער א הארץ-אטאקע. אוי האב איך אים געקענט, א זיס אידל געוועז. גיי זיי מסביר פאר היינטיגע אינגעלייט וואס א ר' ירחמיאל האט בכלל געמיינט. נאה, זאגסט מיר? נאך ווי כ'האב אים געקענט. ער פלעגט דאך דאוונען אויף מיין בלאק."

שוין, גיי רעד צו די חברה. כ'ווייס אפילו נישט וואו אנצוהייבן; נישטא אפילו מיט וועמען צו גיין צום טיש. א גלעזל ווייז פרייטאג צו נאכטס איז ווי מים קרים על נפש עיפה. שוין, שוואכע לייט. זיי דערהייבן פשוט נישט. נו, אז מ'דערהייבט נישט איז מען פטור. האבן זיי דאך אבער יא געוואוסט וואס זיי רעדן, אז זיי האבן זיך צעקרעכצט אויפ'ן שוואכן דור.

דידאדאדידאדאדידאדאם, אהאהאהא, איםםם, הײמבאבאביבאם. נו, שמש, ווייסט דאך וואס איך גלייך. דערלאנג אהער צוויי פלעשלעך. כ'האב חשובע געסט דעם שבת – "יואב פון קאווע שטיבל, קענסטו?"

שמש: אביתר'ס א זוהן?

יאפ! ער איז דא איבער שבת, האב איך אים גערופן פאר א סעודה.

שמש: ווער דער שייגעצל?

נאה, דו רעדסט פונעם ברודער זיינעם. דער אמת איז אז רעדט מען פון יואב'ן מיינט מען אויך נישט עפעס דעם גרעסטן צדיק. שוין, לאמיר בעסער נישט רעדן. איך דריי זיך דאך יא אביסל אויף דער וועלט, פחדים נוראים וואס ס'קומט אלץ פאר. "כ'זאג אלץ, היינטצוטאגס איז קיינער נישט פארזיכערט".

שמש: איי ר' מאטל זאגט איר גוט. מיט די עלטערן זיינע האט ער נאך עפעס א שטיקל קשר?

דער טאטע האט אים ארויסגעווארפן, ער וויל אים נישט קענען. ער שפייט נעבעך בלוט. מיט דער מאמע זאגט מען האט ער נאך יא עפעס א שטיקל שייכות, אבער ווייסטו דאך וויאזוי די זאכן גייען. שוין, צו וואס גראבן אין יענעמס צרות. אוי!

שמש: ס'איז די אינטערנעט וואס איז שולדיג דערין?

נו וואדען. זאגן זאגט ער אז מ'האט אים גע'רודפ'ט. ווייס איך דען נישט? כ'בין דאך געווען זיין מלמד. שוין דעמאלט האט ער געהאט פייגעלעך אין קאפ. שוין, כ'האף נאר אז מצידי האב איך געטוהן אלץ וואס איז שייך. אוי האב איך געהאקט און געבראקט אין עמען, אך, אבער גאאאארנישט. א קאלטער שטיין. וויפיל מ'האט נאר פראבירט, וויפיל כוחות מ'האט נאר אין דער דאזיגער נשמה אריינגעלייגט, א וואנט האט מען געטאפט. כ'קלער אז אפשר גאר האט מען נישט געפראסקעט גענוג. אפשר וואלט נאך ארויסגעקומען עפעס א קיצו של מענטש. היינט טאר מען שוין גארנישט טוהן. דאס גאנצע אמעריקאנער

חינוך ברענגט מען אריין ביינונז. נאכן ווינדערט מען זיך. נאה, א פראסטער יונג. פון וועמען מיינסטו רעדט מען דא? אן אויסוואורף, א בן סורר ומורה, אלץ געזוכט טראבל און קיינמאל נישט געהאלטן ביים לערנען. אלץ געווען קלוגער, פארשטאנען בעסער ווי זיינע עלטערן, מחנכים און קלוגערע פון אים. יע, דארט קומען זיי אלע אן, די אלע אויבער חכמים. געקלעבט צו שלעכטע חברים, היום אומר לו עשה כך און פון דארט ביז דער שאול תחתית איז שוין א קליין שפרינג. העלעך דיר פארציילן א סוד: "נעבעך פלעג איך אפזיצן ביים פאטער זיינעם, כ'האב מיך ביי עמען געבעטן מיט טרערן; שוין, האב איך דאך יא געוואוסט וואס ס'וועט פאסירן. איי!"

שמש: או, אידישע צרות. דער עסט ממש טריפות, א מחלל שבת?

וואס ווייס איך. ער מיינט נעבעך אז דאס גליק איז אויף דער אנדערער זייט. מ'זעט אים נאך דא דארט לייגן תפילין, א קליין קאפעלע אויפ'ן קאפ און דרייט זיך מיט אלע שווארצע יארן. שוין, גענוג צוזאמגערעדט. לאמיר רעדן פון שמחות. משיח זאל שוין קומען, מ'רייסט פון אונז שטיקער.

שמש: אז ער לייגט תפילין און איז א שומר תורה ומצוות איז דאך גוט, נישט אזוי?

אוי! ס'איז בעסער אז מ'רעדט נישט. פיין, נעם איך די ווין. א בעג האט איר? כ'האב נאך געוומען א ציצית פאר מיין בחור'ל, און וויפיל איז דאס שערן? אן אויסגעקראכענעם קאפ פאר'ן זעלבן פרייז? אלעס קאסט היינט. ווי זאגט די וועלט: "בחינם קריגט מען כינים". אקעי, שרייב אויף, מיר וועלן זיך פארעכענען די אנדערע וואך. א זיס לעבעדיגן שבת.

(מיינט איר אז מ'רעדט דא פון א ירדן ראם? קאסטעל גרענד ווין? אלעקסענדער אמאראולא? גיהנום נישט. "א ברייט פלעשל קדם בורגאנדי".)

✦✦✦

ר' מאטל איש חסיד שפאצירט אהיים נאכ'ן דאווענען מיט א געהויבענעם קאפ, און דערונטער מארשירן יוצאי חלציו מיט פחד און דיסציפלין. נאך אלעם גליסט זיך קיינעם פון די שבטי קה נישט דאס רויטע פלעמל אויפ'ן באק, אדער א "קלינגעדיגס", ווי ר' מאטל גלייכט דאס צו בא'טייטש'ן.

דער פריש געבאדענער קערפער ווארעמט זיך אין דער רעזשוואלקע, ס'האלדז איינגעוויקלט אין א גלאנציג ווייסן שאל כתינוק באמתחתו, די וואנצעס אויסגעפוצט ווי ביי דעם רוסישן צאר צום געבורטסטאג, און דא און דארט שענקט ער פארבייגייער א לייכטן נייג מיט'ן קאפ, נאכגעפאלגט מיט א שטילן אבער לאנג פראגראמירטן "גוט שאמממבבבבעס".

ר' מאטל לייגט אראפ א פלאם-פייערדיגן קידוש, און קימערט זיך קנאפ איבער די פיאות וועלכע טובל'ן זיך אינעם בעכער כמעט ש"י מאל. צייט איז די לעצטע זאך וואס קען שפילן א ראלע בשעת פונעם זילבערנעם בעכער שיטן טראפנס לארבע כנפות. איראניש איז אז דווקא ביים ווארט "באהבה", א ווארט וואס רעפרעזענטירט א גאר ברייטן תחום מיט וועלכן ר' מאטל האט קנאפ א שייכות, דארט שפירט ר' מאטל אז ס'פארלאנגט זיך אויסצוציען די התלהבות עד כלות השפייאכץ. ס'עיקר איז דאס לאזן ווארטן די אויסגעהונגערטע נשמה'לעך, וועלכע האבן זיך שוין געזעגנט מיט די מלאכים פאר אומגעפער א שעה צוריק, און שטייען געגאגלט צו דער ערד מיט אויסגעטריקנטע מיילער ווי די אידן נאכ'ן עסן די דגים מלוחים פון אחינו הישמעאלים.

די קינדער, אונטער דעם וועכנטליכן טערער פון מעגן טרינקען בלויז א פערטל גלעזל גרעיפדזשוס, שלינגען יעדעס טראפ ווי דאס זאל וועז זיין א כוס של ברכה פונעם רבי'ן, און גרייטן זיך צו דערפילן די דיקטאטורישע באפעלן ווי נאר זיי גייען ארויס מפי המלך.

---

## "קאבערנעט שמאבערנעט! די היינטיגע אינגעלייט זענען מיר גאנצע מבינים."

---

איך קוק רעכטס, איך קוק לינקס; איך שלעפ ארויס א ברוין-פאפירן זעקל. איך צי ארויס פון דארט א שמאל פלעשל קאבערנעי און איך שטעל דאס אויפ'ן טיש. (א כפרה אויף דער געלופטעריי.)

"וואס איז שלעכט מיט דעם בורגאנדי?" אויסערט זיך ר' מאטל, מיט קנייטשן אין די אויגן-ברעמען וועלכע שרייען ערפארענקייט.

ס'איז גוט, דאס גלייך איך מער.

ר' מאטל שארט ארויף זיינע דיקע ברילן און נעמט באקוקן דאס פלעשל נאך הכשרים, ווי ס'זאל וועז זיין אן אכט טעגיג פיצל הארט פאר'ן בונד. "גיי ווייס וואספארא הכשר דאס איז. קוים קען איך נאכזאגן זיין נאמען. אויך מיר א רב, ערגעץ וואו אין די מרחקים. גיי ווייס צי ער איז אפילו א שומר שבת."

כ׳וויס, עס, מ׳זאגט דאס איז א פארלעסליכער הכשר, מורמל איך ארויס מיט דעם פחד פון א ווארפעדיג הינדל צווישן דעם בני אדם שטויס און ס׳שחיטה.

"מ׳זאגט! ווער איז דאס ׳מ׳? געלט וואלסטו אים געבארגט? קאבערנעט שמאבערנעט! די היינטיגע אינגעלייט זענען מיר גאנצע מבינים."

דאס איז א סיילענט "טי", שאקל איך נערוועז מיט די פיס, ווי א קינד וואס דארף אן עמערדזשענסי.

"סארא חילוק. וואס גייט מיר אן וויאזוי דער גוי איז מחליט אז מ׳דארף ארויסזאגן די ווערטער? הייסט דאס, דער גוי איז דער אויף וועמען דו קוקסט ארויף? אים פראבירסטו צו געפעלן? היינט הייסט ער זאגן אן א טי, מארגן באשליסט ער וואספארא עסן איך דארף אריינעמען אין מויל, און איך דארף נאכטאנצן זיינע משוגעת׳ן און קאפריזן. מושי, אבראמי, ברוך, הערט איר? מיר רופן דאס קאבערנעט! אפילו מיט צוויי טי׳ס."

"איז לאמיך הערן, יואב׳ל: שפירסטו באמת א חילוק פון די ווין צו די קדם בורגאנדי?"

וואס דען, אומזיסט וואלט איך דאס דאך נישט געקויפט. (וואס די גיהנום?)

"נעה! אבי געזונט. דאס הייסט געווארפן אידיש געלט אין מיסט."

אבער פעטער מאטל, כ׳האב דאך אייך היינט געהערט רעדן אין שמש׳ס שטיבל איבער׳ן געשמאק פון ווין. כ׳האב געטראכט איר פארשטייט אביסל דערצו, נישט אזוי?

"נאווארע פארשטיי איך. איך קויף שוין בורגאנדי פאר יארן, זינט כ׳האב אויפגעהערט מיט די סאטערנס. ס׳גייט מיר פשוט אויף די געהירן, די היינטיגע ראצערס וועלכע ווערן מיר גאנצע מבינים, און רעדן זיך איין אז הינטער די שמאלע פלעשער פליסט רויטערער ווין. אך, א שאד ס׳איז ווארעם. כ׳האב א פרידזשידער – זאגסט מיר ווען פריער, לייג איך דאס גערן אריין."

ניין, ס׳קומט דווקא רום-טעמפעראטור.

"האהאהא! ווין ווארעם? פששש, וואס ס׳פאלט אלץ נישט איין ביי די איפכא-מסתברא׳ניקעס. משוגעת האט פשוט נישט קיין גבול. און צו וואס טרינקסטו אין א גלעזל? ס׳איז עפעס פסח ביינאכט?"

ניין, פשוט ס׳טרינקט זיך אינגאנצן אנדערש אין א גלעזל; דער בעבער נעמט אוועק פונעם געשמאקן טעם.

"יואב, בייג דיך צו, איך וויל נישט די קינדער זאלן הערן דאס ווארט..." **[פארקירצט]**

איי, ס׳שטייט דאך שוין אין גמרא "רמייא לחמרא במני דהבי וכספא ותקיף", פראביר איך ווייזן לומדות.

"גמרות וואס דו ווילסט, זע איך, קענסטו; אפשר זאלסטו זיך זעצן לערנען און אפלאזן די אלע שטותים והבלים. און צו וואס זופסטו אזוי די ווין, ווי ס׳זאל ווען זיין א הייסער טעלער זופ? דאס מויל דיינס פארנעמט נישט קיין סך אויף איינמאל?"

כ׳זופ דערפון צושטייטלער, א טרוקענער מעין עולם הזה צעשפרייט זיך איבער׳ן מויל, און דער פרוכטיגער טעם לויפט אזש ביז צו די גומען אונטער די ציין. ס׳איז א מחיה! "מ׳קען אנהייבן פארשטיין די וועלכע האבן געטענה׳ט נוח לו לאדם שנברא", האב איך נישט פארפעלט צו ענדיגן דעם זאץ מיט א מליצה, ווי א גוטזאגער.

"יואב׳ל, דארפסט נישט אלץ זיין אן אויבער-חכם. הער וואס א קלוגער איד האט צו זאגן: א פלעשל קדם בורגאנדי, לייגסט דאס אריין אין פרידזשידער, פילסט אן דעם בעכער, און טרינקסט דאס אויס בנשימה אחת. אויף דעם האבן מיר געכאפט שלעק אין מצרים, דערויף האט המן געקריצט, און זאלן ווען די גוים וויסן דעם טעם וואס מ׳קען שפירן דערפון, זענען זיי זיך מגייר אויפ׳ן פלאץ."

"פיין, לאמיר נישט רעדן דברים בטלים און פארברענגען די צייט מיט הבלים, ס׳איז דאך שבת קודש. יואב, כל מקדש. וואס הייסט, דו האסט נישט? ביסטו עפעס א גר? אזוי ענטפערסטו דעם שווער דיינעם? וואספארא ניגון זינגט דער טאטע? דעם בעלעמער? אה! דעם פערטן פאל גלייך איך. יא, מושי, אבראמי, ברוך? אווווו, גייט דאס זיין א כל מקדש!"

"מאמי, הערסט? די זופ וועט ווארטן."

**די ליינער האבן רעאגירט**

> שמעקעדיג: יו-אב!!! יו – לאך איך; אב – במליצות און אויסדרוקן אשר העין לא שזפתם!

> יאיר: ר-י-ז-י-ג!!! אזא שארפן סענס אוו הומאר האב איך נאך נישט באגעגנט!

> קאווע טרינקער (א יאר שפעטער): נעכטן הער איך ווי צוויי אזוי גערופענע ווייו-מבינים דעבאטירן וואס איז בעסער צו טרינקען פורים, האב איך זיך דערמאנט אז @יואב האט אמאל געשריבן וועגן א ווייו-מבין. לכבוד פורים ברענג איך עס ארויף.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/3981.html

ארטיקל · איבערלעבענישן

# מיין יוגנט מיט רבי לעמל אין אוישוויץ

קאווע שטיבל, פארום "קונסט" (סעריע "אראומע", #10) · איש עברי · 7טן אקטאבער 2014

**א שטילער איד אויף דער לעצטער באנק אין בית המדרש, א טאש פול מיט זיסווארג, און א סוד וואס ער האט אנטפלעקט פאר א קליין יונגל. א שטיק פון דער סוכות-סעריע "אראומע" אויף קאווע שטיבל, וואס די ליינער האבן אנגערופן "פון די שטערקסטע ארטיקלען אמאל געשריבן געווארן אינעם שטיבל".**

איך בין אויפגעוואקסן אינעם שאטן פונעם חורבן. יא, איך בין קוים עטליכע און צוואנציג יאר, אבער דעם טייוול-גייסט פון אוישוויץ האב איך באגעגנט טעגליך מיט מיינע אויגן. נאך אלס קינד האב איך זיך טאג איין טאג אויס אנגעטראפן מיט מענגעלע, מיט אייכמאן און אפילו מיט היטלער. דאס איז א דאנק מיין ליבן שכן רבי לעמל, וואס האט מיך מיט זיין ברייטן הארץ גענומען אויף א באזוך קיין אוישוויץ, מיר מיטגעטיילט אלע איבלען וואס זענען אויף אים אריבער, און זיכער געמאכט אז עס קריצט זיך איין טיף, טיף, אין מיין יונגן הערצעלע.

נישט אז רבי לעמל איז דער איינציגער מלחמה-איבערלעבער וואס איך האב געקענט. אין דער סביבה וואו איך בין געוואקסן, האט יעדע ווייסע בארד אויך געהאט נומערן אויף דער האנט. אבער דער רוב פון זיי האבן מיטגעברענגט פון אוישוויץ א שרעקעדיגע שווייגעניש, א שווייגעניש וואס איז שווער צו טרעפן היינט. איך געדענק ווען איך בין אריין צו מיין זיידן און באבען אינדערהיים, און מען האט געשוויגן, געשוויגן. און דאס שווייגן האט געהאט א כח; עס האט געשפיגן אזויפיל ווייטאג. איך האב נישט געוואוסט פון וואו זיי נעמען דעם כח אזויפיל צו שוייגן.

אין בית המדרש זענען זיי אייביג געזעסן אויף זייערע פלעצער, וויאזוי מען האט זיי געקענס'ט, וויאזוי גלייך דער וועבטער שטייט מיט א רעוואלווער און גיט אכטונג: געקומען אויף צייט, אוועקגעגאנגען די לעצטע, אלעמאל אין די אונטערשטע רייען, מיט זייערע ליין-ברילן און די קישעלעך אונטערצולייגן אויף די זיץ-פלעצער, די אויגן אריינגעגראבן אינעם סידור, און די ליפן האבן געשעפטשעט אן אויפהער.

ווען זיי האבן געעפנט דאס מויל, האבן מיר געוואוסט אז זיי טאר מען נישט פרעגן און נישט זאגן, נאר אויסהערן מיט סימפאטיע און צושאקלען מיט'ן קאפ. זייערע מעשיות זענען שטענדיג געווען בערך די זעלבע: איבער דער אלטער היים און דעם קריג, איבער זייערע ליידן און פארלוסטן, איבער די בא'חנ'טע קינדער וואס זיי האבן דארט איבערגעלאזט, און איבער דעם הונגער וואס זיי זענען דורכגעגאנגען אונטער דעם דייטש. און אלעמאל זיכער געמאכט אז ווען מיר עסן א שטיקל קאקאש-קעיק, זאלן מיר וויסן אז אין אוישוויץ האט מען נישט געחלומ'ט פון אזאנס.

אבער רבי לעמל איז איינער וואס איז געווען בולט מיט זיין אייגנארטיגקייט, אנדערש ווי אלע אנדערע איבערלעבער. ער האט אויך אסאך געשוויגן און באהאלטן זיינע סודות אונטער א פארזיגלטן פנים מיט א ביטערן שמייכל דערויף. ער האט אבער געקוקט מיט הנאה אויף אונזערע שפילן; ער האט אלעמאל צוגעשמייכלט. אפילו ווען מיר האבן זיך גע'חוצפה'ט, האט ער עס אנגענומען מיט א גוטמוטיגן שמייכל, און זיין שמייכל האט אונז אלעמאל געמוטיגט זיך נישט צו שרעקן פון די "זיידעס".

ער איז געזעסן אויף דער לעצטער באנק פון בית המדרש. ער האט אייגנטליך נישט פארנומען קיין פלאץ בכלל; ער האט זיך ארומגעדרייט ווי א שאטן. מען האט געוואוסט אז אים דארף מען נישט גריסן, ווייל ער ערוואַרט עס נישט. טאמער האט מען אים

יא באגריסט, און נאך דערצו געזאגט מיט זיין נאמען "גוט מארגן, רבי לעמל", האט ער זיך פארראיטלט ווי א בר מצוה-יונגל.

## "א שמייכל וואס האט ווי געזאגט: זייט מיר מוחל אז איך עקזיסטיר."

אין די ברענענדיגע וויכוחים וואס האבן געהאלטן פארנומען די אלטיטשקעס, צי מען זאל עפענען דעם פענסטער אדער פארמאכן, האט ער נישט געהאט קיין מיינונג און ארויסגעוויזן גאנץ ווייניג אינטערעס. ער האט ליב געהאט זיך צו באהאלטן אין זיין ווינקל און ארייננקוקן אין זיינע משניות, וואס האט אויסגעזען מער ווי ער זוכט פשוט א פלאץ וואו צו פארשטעקן זיינע אויגן.

בכלל האבן די אידן עפעס געטראגן מיט זיך א וועלט וואס מיר האבן נישט פונקטליך פארשטאנען. זיי האבן גערעדט פון דער אלטער היים, פון מונקאטש, פון טאבאר, און פון אומפארשטענדליכע זאכן. מיר האבן געוואוסט אז דאס זענען די אידן וואס קומען פון "דארט", וואס אויף זיי פרעגט מען נישט קיין קשיות; זיי מעגן זיך בייזערן און שרייען, און מען דארף זיי פארגעבן.

אנדערש איז אבער געווען רבי לעמל. ער איז געווען שטיל, איידל, ווייניג גערעדט און אסאך געשמייכלט. אבער נישט אזעלכע גוטמוטיגע שמייכלען, נאר אזא שעמעוודיגער שמייכל וואס האט באהאלטן אונטער זיך אסאך ווייטאג; א שמייכל וואס האט ווי געזאגט: "זייט מיר מוחל אז איך עקזיסטיר." ער האט זיך ווי אנטשולדיגט פאר זיין עקזיסטענץ.

מיט מיינע יונגע חושים האב איך דערשפירט אז רבי לעמל באהאלט אין זיך א סוד. אפילו אין די צייטן וואן אנדערע האבן גערעדט פון דער אלטער היים מיט נאסטאלגיע, אדער אויסגעמאלן מיט פארבן די צרות וואס זיי זענען אריבער אינעם דייטשן גיהנום, האט רבי לעמל עפעס איינגענומען א שוויייגעניש, ווי צו זאגן: "לא לך, חשב עניך בעניי; התמשילי חלייך לשברי ולחליי?!"

געזעסן איז ער נעבן דעם קענדי-מאן פון אונזער בית המדרש. ער האט געקוקט וויאזוי די אנדערע קינדער נעמען די קענדיס, און האט ווי שטענדיג געהאט זיין ווייטאגליכן שמייכל. דער קענדי-מאן פלעגט זאגן פאר רבי לעמל'ן: "20 קינדער האבן היינט גענומען ביי מיר", און רבי לעמל פלעגט ענטפערן: "א נקמה!" איך האב נישט פארשטאנען: א נקמה אין וועמען? איך האב געקלערט, אפשר אינעם קענדי-מאן פונעם דערנעבנדיגן בית המדרש. אבער ס'וועט קומען א טאג וואן רבי לעמל וועט מיר עס ערקלערן.

איך האב געוואוסט אז דער קשר מיט רבי לעמל ענדיגט זיך מיט א ברייטן "גוט מארגן" און א שמייכל; קיין לענגערע שמועסן האט מען מיט אים נישט געקענט האבן. ווי גליקליך בין איך געווען ווען רבי לעמל האט מיך, מיט א פארראיטלטן פנים, איינגעלאדנט איך זאל ארויפקומען צו אים אהיים! קיין גליקליכערער ווי איך איז נישט געווען. איך האב געוואוסט אז דארט ווארט אויף מיר א הויפן גוטע זאכן; רבי לעמל האט אייביג געהאט אין זיין טאש אן ענדלאזן אוצר זיסווארג, און איך האב פארשטאנען אז דארט ביי אים אינדערהיים איז דער מקור השפע.

וואס זאל איך אייך זאגן? רבי לעמל האט נאר געעפנט די טיר, איז מיר אקעגנגעקומען א שארפער גערוך, דער זעלבער גערוך וואס אלע אלטע אידן האבן מיטגעברענגט פון "דארט". אבער מיט דעם שמייכל פון רבי לעמל'ן האט דאס געשמעקט ווי גוטע בשמים. אינדערהיים איז געווען איין לאמפ, וואס האט געווארפן א העלע ליכטיגקייט וואס האט נאר טונקלער געמאכט. אינעם צימער וואס האט געדארפט דינען אלס עס-צימער איז געשטאנען א גרויס שפיטאל-בעט, וואו עס איז געלעגן דאס ווייב פון רבי לעמל'ן, מיט פארמאכטע אויגן און א בלאסן פנים, און יעדע צוויי מינוט איז ער געגאנגען קוקן וואס זי מאכט, און איר א גלעט געטוהן די האנט.

רבי לעמל האט מיר נישט געגעבן קיין גוטע זאכן. זיין שמייכל איז פלוצלינג אראפ, און ער האט מיך געפרעגט מיט א טרויעריגן פנים צי ער מעג מיר דערציילן א מעשה. איך האב מיך דערשראקן, אבער

איך בין געווען זיכער אז עס וועט זיין אן אינטערעסאנטע מעשה, אפשר אפילו א שרעקעדיגע, מיט ים-רויבער אדער מענטשן-פרעסער. און רבי לעמל האט מיך געבעטן זיך אוועקצוזעצן, און ער האט דערציילט און דערציילט, מיט טרערן, מיט קרעכצן, ביז עס איז געווארן מנחה.

איך געדענק נישט פונקטליך וואס רבי לעמל האט דערציילט, אבער עס האט נישט אויסגעזען ווי א מעשה, נאר ווי א וידוי. ער האט זיך ווי אנטשולדיגט פאר מיר אז ער האט יא געדארפט בלייבן אינעם בונקער ווען זיין ווייב האט געהייסן; ווער ווייסט, אפשר וואלט זיין משה'לע נאך געלעבט ביז היינט. אפשר האט ער יא געדארפט אוועקפארן קיין ארץ ישראל צוויי יאר פריער. אלע זיינע געוויסנסביסן האט ער אויסגעגאסן אויף מיין קליינעם קעפעלע און יונגן הערצעלע, און דערביי געזאגט: "משה'לע איז געווען אין דיין עלטער; ער האט אויסגעזען ווי דו." און איך האב פארשטאנען אז רבי לעמל וויל איך זאל אים מוחל זיין אין נאמען פון משה'לע.

אצינד האב איך פארשטאנען פארוואס עס טוהט רבי לעמל'ן אזוי וויי ווען איך זאג אפ צו נעמען זיינע גוטע זאכן, און ווען איך קום נישט צו אים זאגן "גוט שבת". אין זיינע אויגן בין איך משה'לע, א שאטן פון זיין באליבטן קינד, א פארנעפלטער זכרון וואס ער פרובירט צו כאפן. רבי לעמל האט מער נישט געהאט קיין קינדער, אבער ער האט אנגעפילט זיינע טאשן מיט גוטע זאכן פאר זיין משה'לע. ווען א יונגל וואס איז געווען אין משה'לע'ס עלטער איז פארבייגעגאנגען, האט ער אים געגעבן א גוטע זאך – פאר משה'לע.

✦✦✦

יענעם דינסטאג אינדערפרי, ווען איך האב געזען די מודעה פון דער לוויה פון רבי לעמל'ן, בין איך געגאנגען צו דער לוויה. און ווען קיינער האט נישט געזען, בין איך צוגעגאנגען צו דער מטה און אריינגעשעפטשעט פאר רבי לעמל'ן: "איך בין זיכער אז משה'לע איז דיר מוחל. טייערער רבי לעמל, נוח בשלום על משכבך. דו ביסט נישט שולדיג אין דעם גרויזאמען גורל וואס האט באטראפן כלל ישראל. שפיר דיך נישט שולדיג אז דו ביסט געבליבן לעבן."

און ווען אלע האבן געזאגט אז עס איז געבליבן א חלל פון אן איד וואס האט נאך געקענט רבי ישעיה'לע קערעסטירער, האב איך געטראכט: ווער, ווער וועט אצינד געבן די ווארעמע גלעט פאר דער פרוי וואס ליגט ביי רבי לעמל'ן אינעם עס-צימער?

**תגובות פון די ליינער**

> כוכב: Speechless! דאס איז נישט בלויז אן ארטיקל, נאר א שטיק קונסט, דורכגעפלאכטן מיט א ריטם פון פאעזיע פון העכסטן קאליבער. עס האט מיך – ממש – געברענגט צו טרערן. ארץ ארץ אל תכסי דמם.

> פישלע הערינג: און די אידן גייען אוועק פון אונז ווי בעבלעך פון א זייף-בלאז. וואסערא פעקל די שוואכיטשקעס טראגן מיט זיך!

> איש עברי: פישל ברענגט ארויף א ריכטיגע זאך. די אידן גייען אוועק; לאמיר אריינכאפן און זיי פארזיסן די עלטער. די אידן טראגן מיט זיך שווערע פעקלעך ביטערניש און שולד-געפילן. כאפט א שמועס מיט א מלחמה-איבערלעבער, זאגט אים א גוט ווארט...

> געפילטע פיש: וואו! כ'האב צוגעמאכט די טיר פון אפיס, מ'זאל נישט זען אז איך וויין ביי דער ארבעט. דיין שילדערונג ברענגט ארויף אלטע זכרונות וואס מיר אלע האבן קאלעקטיוו אין אונזער נשמה, הגם מיר האבן דאס קיינמאל נישט מיטגעלעבט.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/7335.html

ארטיקל • אנשי שם

# משה איש האלקים

## ר' משה ניו יארקער ז"ל – דאס לעבן פון א פארבארגענעם איד, פון דייטשלאנד ביז מאנסי

קאווע שטיבל, "פה-סח" אויסגאבע (תשע"ה), פארום "אנשי שם" | א איד | 13טן אפריל 2015

**אין יעדן דור זענען דא אידן וואס די וועלט ווייסט כמעט נישט פון זיי. פאר דער "פה-סח" אויסגאבע פון קאווע שטיבל האט "א איד" אראפגעשריבן וואס ער האט געזען און געהערט פון אזא איד, ר' משה ניו יארקער. נאכדעם קומען אפאר תגובות פון די ליינער.**

געבוירן געווארן איז ער אין דייטשלאנד, צו זיין טאטן ר' יצחק אייזיק פיילשוס, און צו זיין מאמע מרת גרונא. לויט די יארן וואס ער האט אנגעגעבן דעמאלטס ווי אלט ער איז, איז ער געבוירן געווארן בשנת תרע"ו. נאך זיין חתונה האט ער געהאט צוויי קינדער. ביי דער קריסטאל נאכט איז ער אנטלאפן פון דעם בלוטיגן אייראפע קיין אמעריקע.

זייענדיג אין אמעריקע האט ער זיך באזעצט אין דער איסט-סייד, וואס דארט איז דעמאלס געווען קאנצענטרירט דאס היימישע אידנטום. אביסל שפעטער האט זיין ווייב זיך באקלאגט צו די רבנים אין דער איסט-סייד, אז איר מאן איז זייער אן ערליכער, אבער זי קען נישט אויסהאלטן זיין קדושה ופרישות, און זיי האבן זיך גע'גט. ר' משה איז ווייטער אנגעגאנגען מיט זיין עבודה שטילערהייט אן קיין פירסום, ווייניג האבן געוואוסט ווער ער איז. בלויז געציילטע אידן האבן אים געקענט אויף אן אמת, צווישן זיי דער באיאנער רבי זצ"ל, און דער קאפישניצער רבי זצ"ל.

מיר ברענגען אייך אפאר אינטערסאנטע עפיזאדן און עובדות, בעיקר געהערט פון הרה"ח רבי משה חיים שטיינבערג שליט"א, וועלכער האט זוכה געווען צו א קירבות יתירה פון רבי משה זצ"ל.

✦ ✦ ✦

אויף מיין פראגע וויאזוי עס האט זיך אנגעהויבן זיין קשר צו רבי משה זצ"ל, דערציילט ער ווי פאלגענד: עס איז געווען אין א תקופה וואס דער נאמען "רבי משה ניו יארקער" איז ארויפגעקומען אויפ'ן אויבערפלאך אלס א משוגענער, און ווער אימער עס האט זיך אידענטיפיצירט מיט אים האט מען אנגעקוקט מאדנע. איינער האט מיך דאן אנגעפרעגט איבער רבי משה, און מיט א תשוקה זיך דערוויסן די ווירקליכע ווארהייט איבער דער פערזענליכקייט, האב איך באשלאסן אליינס אריבערצופארן צו אים, צו קענען פון דער-נאנט דעם איד, און זיך איבערצוצייגן אויב עס איז טאקע "אזא" גרויסע משוגעת, זיך צו האלטן נאנט צו אים.

איין טאג גאנץ פרי בין איך - צוזאמען מיט נאך עטליכע חברים - אריבערגעפארן צו דער איסט-סייד. איך האב נאך געהאלטן פאר'ן דאווענען, און כ'האב געטראכט אפשר וועט זיך אין ביהמ"ד שטעלן א מנין וועל איך קענען מיטדאווענען.

אריינקומענדיג טרעף איך אן אלטן איד, וועלכער זאגט מיר "גיי דארט אין יענעם און יענעם ביהמ"ד, דארט גייט מען איצט דאווענען שחרית". איך האב צו דעם מענטש בעפאר דעם קיינמאל נישט גערעדט, און קיינער האט פון מיין מויל נישט געהערט אז איך האלט נאך פאר שחרית. דער אלטער איד איז געווען נישט קיין אנדערער ווי "רבי משה ניו יארקער" און דאס איז געווען מיין ערשטער קבלת פנים; אן אפענעם רוח הקודש!

איך האב אים דערנאך געפרעגט וויאזוי ער האט געוואוסט אז איך האב נאכנישט געדאווענט. זאגט ער מיר מיט זיין אייגנארטיגן פשטות און ענוות חן: "אה, נאכ'ן דאווענען האט מען שוין אן אנדערן פנים". דאס איז געווען די קבלת פנים...

✦ ✦ ✦

מיינס א חבר האט זיך געהאט עפעס צוגעגרייט צו פרעגן איבער אן ענין פלא פון ספר יצירה. ווי נאר ער האט ארויסגעזאגט געציילטע ווערטער פארצושטעלן דעם ענין, רופט זיך רבי משה אן: "אה, דער ספר יצירה?"...

דאס זעלבע האט זיך אפגעשפילט ווען אן אנדערער חבר האט זיך געהאט אנגעגרייט צו פרעגן עפעס אן ענין וואס

ווערט געברענגט אין "רבינו בחיי". ווי נאר ער האט אנגעהויבן פארצולייגן דעם ענין, נאך איידער ער האט אפילו געקענט ארויסזאגן דעם ספר וואו מען רעדט פון דעם ענין, האט רבי משה זיך גלייך אנגערופן: "אה, דער בחיי?"...

✦✦✦

מיינס א חבר וואס איז שוין געווען נאנט מיט אים פון פריער האט מיר געזאגט, אויב מען וויל פארשטיין די ענינים וואס ער רעדט, דארף מען אדורכגיין דעם "זוהר" אויף דער פרשה פון דער וואך. אין זיינע אינטערעסאנטע רמזים זענען אלץ געווען פארוואָרפן פארשידענע שטיקלעך פונעם זוה"ק און פון מדרשים וואס א פשוט'ער מענטש וואס איז נישט רגיל דערין, האט דאס נישט געקענט פארשטיין.

איינמאל בעפאר איך בין געפארן צו רבי משה מיט א נייעם חבר וואס איז נאכנישט געווען ביי אים, האב איך אים געזאגט אז איידער מ'פארט איז כדאי דורכצולערנען כאטש א שטיקל זוהר פון דער פרשה, אפשר וועט מען עפעס פארשטיין פון זיינע ענינים. און מיר האבן דורכגעלערנט א שטיקל זוהר אויף דער פרשה.

מיר קומען אריין און איך האב אויפגעמישט דעם זוהר צו אנהייב פרשה דארט צו לערנען, און רבי משה רופט זיך אן "ניין, ניין", און ער מישט אויף פונקט צו יענעם בלאט אין זוהר וואס מיר האבן יענעם אינדערפרי געהאט געלערנט! דעם זעלבן שטיקל האט ער איצט געלערנט מיט אונז, און אונז געזאגט רמזים אויף א וואונדערליכן אופן. מיין חבר איז ארויס פון די כלים! ער האט נאך אזא אפענע זאך נאכנישט געהאט געזען אין זיין לעבן.

✦✦✦

מען האט אים אמאל געפרעגט צי ער ליינט די צייטונגען, האט ער געענטפערט "יא יא, אמאל קוק איך אויף די העדליינס און פון דעם ווייס איך שוין אלעס"... ער האט געזען אז מ'כאפט נישט דעם רמז, האט ער מסביר געווען, ער קוקט אויף די "שרטוטי המצח", די שטריכן אויפ'ן שטערן, וואס בלשון צחות האט ער דאס אנגערופן די "העד-ליינס"... און דארט זעט ער שוין אלעס.

✦✦✦

ס'איז געווען אין די זומער חדשים פון שנת תשמ"ו, איז אן איד אמאל אריינגעקומען אין ביהמ"ד שארית ישראל (99) און האט זיך געוואלט זעצן אויף דעם פלאץ וואו רבי משה איז געזעסן. אזוי האט מען דאך אים נישט געקענט, און מ'האט נישט געהאריג נוהג כבוד געווען אין אים. האט יענער געבעטן אז רבי משה זאל זיך רוקן אבער רבי משה האט נישט געוואלט. האט ער געגעבן א שטופ אוועק רבי משה'ן, און האט זיך געזעצט אויף דעם פלאץ.

רבי משה האט אים אנגעקוקט בייזערהייט. פרעגט אים איינער "וואס זענט איר אזוי בייז?" רופט ער זיך אן בל"ק: "מ'שלאגט זיך נישט מיט מיר. מ'שלאגט למעלה", און האט געוויזן מיט'ן פינגער אויף ארויף. קיינער האט נישט פארשטאנען וואס ער מיינט דערמיט, ויהי כמצחק בעיניהם.

צומארגענס אינדערפרי האט מען ליידער געהערט אז דער איד וואס האט אים געשטופט איז ל"ע נישט אויפגעשטאנען, ושבק חיים לכל חי. דאן האט מען געכאפט וואס ער האט געמיינט מיט'ן ווייזן אויף "למעלה", אבער ס'איז שוין ליידער געווען צו שפעט.

די אידן וואס זענען א טאג בעפאר געווען אין ביהמ"ד האבן גלייך צוזאמגעשטעלט וואס דא איז פארגעקומען, זיי האבן אים געפרעגט "וואס האט איר געטוהן דא?" האט ער נאר געוויזן מיט'ן פינגער אויף ארויף און זיך אנגערופן "למעלה למעלה", ווי צו זאגן עס האט נישט קיין שייכות מיט אים.

מער האט זיך קיינער נישט געוואגט אים צו טשעפן. מ'האט אים געלאזט זיצן און שטיין וואו ער האט געוואלט.

✦✦✦

נאכ'ן דאווענען פלעגט ער אנהייבן זיין סדר היום, וואס אויסערליך האט מען געקענט מיינען אז ער דרייט זיך ליידיג, אבער ווער עס האט נאכגעקוקט האט געזען אז ער איז געזעסן און געלערנט יומם ולילה, און איז געווען א גאון עצום. ער האט יעדעס יאר געענדיגט גאנץ ש"ס, בבלי וירושלמי! ער האט יעדן טאג געלערנט זיבן בלאט גמרא מיט מרדכי, און עקסטער א שיעור אין ירושלמי, וואס אזוי האט ער דאס מסיים געווען יאר-יערליך.

דאס אליינס איז א פלא פאר זיך, וויאזוי ער האט זיך געדרייט צווישן מענטשן און דאך האט מען נישט געכאפט זיין געוואלדיגן גדלות. מענטשן וואס האבן

פארברענגט מיט אים צוזאמען צענדליגער יאר נאכאנאנד, אבער האבן ניטאמאל געוואוסט וויאזוי ער הייסט. עס האט מיר פארציילט איינער וואס האט געדאוועגט נעבן אים ממש פערציג יאר נאכאנאנד, סך הכל וואס ער האט געוואוסט אז ער הייסט "משה בן ר' יצחק אייזיק" ווייל אזוי האט מען אים אויסגערופן צו דער תורה. מער פון דעם האט יענער נישט געוואוסט.

✦✦✦

ער פלעגט כמעט נישט עסן גארנישט א גאנצע וואך, חוץ ביי די לחיים'ס אין ביהמ"ד א יעדן טאג. איין זאך וואס איז געווען אביסל מער, אז שבת ויום טוב ביי די סעודות האט ער געטרונקען אסאך וויין. אויף זיין אייגענארטיגן שטייגער פלעגט ער אלץ זאגן אז וויפיל וויין ער טרונקט איז עס אלץ צו "וויניג" (לשון נופל על לשון, מלשון וויין). אבער טראץ דעם וואס ער האט געטרונקען אסאך וויין, האט דאס אים נישט מיד געמאכט. נאך דער סעודה פלעגט ער גיין אין ביהמ"ד וואו ער האט געלערנט ביז מנחה.

✦✦✦

א שטיק צייט פאר חצות היום איז ער ארויס פון ביהמ"ד, צו דער בעקעריי וואס האט זיך געפונען אויף דער זעלבער גאס. ער איז גלייך צוגעגאנגען צו דער ברויט-מאשין מיט וועלכער מען שניידט די ברויטן, ער האט ארויסגענומען פון אונטער דער מאשין די "טרעי" אויף וואס עס פאלט ארויף די ברעקלעך, ער האט אריינגעגאסן די ברעקלעך אין א בעג, און איז גלייך ארויסגעגאנגען אין "פארק".

גלייך ווי ער האט איבערגעטרעטן דעם שוועל פון דעם פארק, זענען געקומען צו פליען אקעגן אים הונדערטער פייגלעך, בלי גוזמא. ער האט גארנישט געדארפט טוהן, בלויז אריינקומען אין פארק און שוין זענען זיי געקומען צו פליען פון אלע זייטן.

ער האט אנגעהויבן צו גיסן פון די ברעקלעך, און די פייגלעך האבן זיך צוגעכאפט דערצו. ער האט פארטריבן די פייגלעך און זיי זענען צוריקגעקומען. ער האט אויסגעשטרעקט זיין האנט, און זיי האבן זיך ארויפגעווארפן אויף זיין האנט, און אזוי האט ער געטוהן פארשידענע אינטערעסאנטע ענינים. אמאל האט ער מיר געזאגט "איך געב זיי א טיפ"... ווי צו זאגן איך באצאל פאר די פייגלעך וואס זענען מעלה די תפלות.

איינמאל האט ער זיך מיר ארויסגעכאפט, אז די פייגלעך זאגן אים אלעס וואס עס גייט פאר. פארשידענע ענינים וואס ס'איז געווען א וואונדער פון וואו ער ווייסט עס, האט ער געזאגט אז ער האט עס געהערט פון די פייגלעך.

איך האב א פילם פון זיין עבודה מיט די פייגלעך. עס איז הפלא'דיג צו זען וויאזוי דאס איז צוגעגאנגען, ער האלט די ברעקלעך אויף זיינע הענט, און איין פייגל אויף אמאל קומט ארויף און עסט אביסל, און דערנאך קומט נאך א פייגל, אינמיטן זעט מען ווי ער נעמט נאך ברעקעלעך אין זיין צווייטער האנט, און ער נעמט ארויף צוויי פייגעלעך אויף זיינע הענט, מען זעט ווי ער שיקט אוועק א פייגל, מען זעט ווי עטליכע פייגלעך נעמט ער אריבער פון איין האנט צו דער אנדערער א.א.וו.

איינמאל האט אויסגעבראכן א סכסוך צווישן צוויי לענדער. אין דער גוי'שער פרעסע האט מען דאן געשריבן פארשידענע באריכטן זה בכה וזה בכה. איך בין דעמאלטס געזעסן ביי אים, גיט ער זיך א רוף מיט א פלא'דיגן לשון. "מ'וועט זאגן אז די גוים שלאגן זיך מיט יענע גוים. איך זאג אז דאס זענען נישט די רוסן און נישט קיינער. דאס זענען די 'נאציס'". ווי שטענדיג, האט מען געמיינט אז ער שפאסט נאר. עס האט נישט גענומען מער ווי עטליכע טעג און אלע צייטונגען האבן געשריבן גענוי דאס וואס ער האט שוין פאראויס-געזאגט. אויף דער פראגע פון וואו ער האט עס געוואוסט, האט ער מיר געזאגט, די פייגלעך האבן אים געזאגט.

✦✦✦

נאכדעם פלעגט ער גיין "שפאצירן". דאס איז נישט געווען סתם א שפאציר. ער איז געווען פאר'דביקות'ט און פארטיפט אין זיינע געדאנקען. ער האט קיינמאל נישט געלאזט אז מ'זאל גיין צוזאמען מיט אים. אלץ האט ער געהייסן אז מען זאל גיין עטליכע טריט פאראויס, כדי עס זאל נישט אויסקוקן אז מ'גיט אים עפעס כבוד, א זאך פון וואס ער איז אנטלאפן ווי פון פייער.

ווען ער איז געגאנגען האט מען נישט געקענט רעדן צו אים. עס איז אפילו נישט שייך געווען אז ער זאל ענטפערן אדער אז ער זאל עפעס רעאגירן. אויב האט ער געהאט עפעס צו רעאגירן האט ער זיך אפגעשטעלט און אזוי געענטפערט. אבער גייענדיג צופיס האט ער נישט גערעדט קיין ווארט.

ער האט מיר אמאל געזאגט "ווען איך גיי שפאצירן וויין איך מיך אויס אויפ'ן גלות. הלך ילך ובכה."

איך געדענק ביי זיין לוי' האט איינער פון די מספידים דערמאנט: כ'האב אים געבעטן אז ער זאל קומען צו מיין חתונה, האט ער געזאגט "איך קען נישט גיין. איך בין פון די גלות אידן, און איך קען נישט גיין אויף קיין שמחה". אזוי האט ער מקבל געווען אויף זיך יסורים פאר גאנץ כלל ישראל.

✦✦✦

שפעט ביינאכט ממש נאך חצות לילה איז ער צוריק צו זיין "דירה", וואס למען האמת איז אומפארשטענדליך וויאזוי א בשר ודם האט געקענט לעבן אין דעם צימער... דעם מיסט האט ער קיינמאל נישט ארויסגעטראגן, און עס איז געווען א קליין לעבל, פארלאזט און שמוציג, און דאך איז ער אנגעגאנגען מיט זיין עבודת הקודש אומגעשטערט. אין זיין "דירה" האט ער קיינעם נישט אריינגעלאזט. אין די שפעטערע יארן ווען עס איז עפ"י סיבה אויסגעקומען דארט אריינצוגיין, האט מען געזען וואס דארט טוט זיך.

דארט אין זיין צימער האט ער געהאט דעם זוהר הק' מיט'ן פירוש אור יקר פונעם רמ"ק; א "ספר יצירה"; א "סידור האריז"ל רבי קאפיל"; א "נועם אלימלך", און נאך ספרי קבלה אין וואס ער האט כסדר עוסק געווען. אין טאש האט ער זיך שטענדיג געטראגן מיט'ן ספר "רזיאל המלאך". (דער "סידור רבי קאפיל" איז פארבליבן ביי רבי אהרן פריעדמאן פון מאנסי, ביי וועמען רבי משה זצ"ל האט זיך אויפגעהאלטן אין די לעצטערע יארן. דער סידור איז פול מיט הגהות וואס רבי משה זצ"ל האט געשריבן בשעה שבני אדם ישנים על מטתם...)

ארום אים איז אלעמאל געווען פארראויכערט און פארשטיקט. איינס פון זיינע געהויבענע עבודות איז געווען דאס וואס ער פלעגט צוזאמנעמען די אפגעטריפטע "חלב" פון די ליכט וואס מען האט אנגעצינדן אין ביהמ"ד. ער האט דאס גענומען און פראדוצירט פרישע ליכט דערפון, און דערביי געזאגט תהלים ביז די ליכט האבן געגנצליך אויסגעברענט, און די חלב האט זיך אויסגענוצט. ער פלעגט מיר אלעמאל זאגן אז די נשמות בעטן זיך אז מען זאל אינגאנצן אויסברענען די ליכט. אזוי אז ווען מען איז אריינגעקומען אינעם צימער אין ביהמ"ד וואו ער איז געזעסן, האט מען דארט געזען ליכט ברענען און מ'האט געשפירט א ריח פון אפגעברענטע חלב. (כידוע אויף

הרה"ק מריבניץ, ווי ער פלעגט אויך אלעמאל זיין ארומגענומען מיט ליכט).

אויסער דעם פלעגט ער אלץ רייכערן ציגארן, ער האט אנגעצינדן די ציגארן, און טאמער איינער האט געקלאפט אויף דער טיר אדער טאמער ער האט געהערט אז מען קומט צו אים, האט ער עס גלייך אויסגעלאשן. כ'האב אים אמאל געפרעגט פארוואס לאזט ער נישט זען וויאזוי ער רייכערט, האט ער זיך ארויסגעבאפט אז די "מעשה הקטורת" האט געדארפט זיין "בחשאי"...

✦✦✦

איינמאל בין איך געווען ביי אים מיט הרה"ג רבי שמואל מרדכי פארטוגאל שליט"א, דעם זון פון כ"ק אדמו"ר מסקולען שליט"א. האב איך מיך אנגערופן פאר רבי משה זצ"ל אז ער זאל געבן א ברכה פאר'ן פאטער פון דעם אינגערמאן. האט רבי משה זיך אנגערופן "שלום על ישראל" א רמז אויפ'ן נאמען פון יבלחט"א דעם סקולענער רבי'ן שליט"א וועמענס נאמען ער האט פאר דעם נישט געקענט!

גאר א וואונדערליכע זאך האב איך אליינס מיטגעמאכט. עס איז געווען היבש א פאר יאר נאך מיין חתונה וואס איך האב נישט געהאט קיין אינגלעך. כ'האב געהאט נאר מיידלעך. בין איך אמאל געווען מיט מיין שוואגער צוזאמען ביי רבי משה זצ"ל, און מיין שוואגער האט אים געבעטן אז ער זאל געבן א ברכה פאר א בן זכר. האט רבי משה זצ"ל זיך אנגערופן בל"ק: "ער האט נאך א לאנגע צייט". וכך הוה, מיין ערשטער אינגל איז מיר געבוירן געווארן ערשט נאנט צו צוואנציג יאר נאך דער חתונה!

✦✦✦

עס איז געווען אנהייב יאר תשל"ט, און מען האט גערעדט פון הרה"ק מסאטמאר זי"ע. האט רבי משה זצ"ל זיך אנגערופן מיט קלארע ווערטער "מ'לאזט אים נאך דורכגיין דאס יאר". וכך הוה, ביום כ"ו אב אין יענעם יאר איז דער סאטמאר רבי זי"ע נסתלק געווארן לגנזי מרומים.

✦✦✦

ווען ער האט געגעסן א "מאראנץ" האט ער אלץ אזוי ארומגעארבעט מיט די שאלעכץ, צו מאכן פארשידענע אינטרעסאנטע זאכן. ער פלעגט מאכן אזא לעבל פון אויבן, פון דעם האט ער ארויסגעגראבן אביסל פונעם

מאראנץ, און די איבעריגע האט ער אויסגעפארעמט אויף פארשידענע סייזעס באטעלעך. ער האט געגומען א באטל בערך לויט דער גרויס פון דעם שאלעבץ פונעם מאראנץ, ער האט אריינגעשטופט דעם באטל, און עס אויסגעפארעמט ארום דעם באטל, ביז דער שאלעבץ האט באקומען דעם פארעם פונעם באטל. אזוי האט ער פון די אלע מאראנצן-שאלעבץ פראדוצירט "אש-טרעיס". ער פלעגט אלץ מאכן א ווערטל אז יעדע אזא באטעלע איז ווערד אסאך געלט, מען דארף נאר קודם אריינלייגן דערין א דימאנט...

ער האט מיר אמאל געזאגט אז אויף רבי מאיר זאגן חז"ל "קליפתו זרק ותוכו אכל" און איך טוה פארקערט... האב איך אזא פרעג געטוהן "ווי מעג מען האלטן די קליפה", זאגט ער מיר: "אה, ווי לאנג עס האט נאך א ריח, עס שמעקט נאך פון א מאכל, האט עס נאך ניצוצין קדישין און מ'טאר עס נישט אוועקווארפן". אן אנדער מאל האט ער מיר געזאגט אז מיט'ן ארומארבעטן מיט די שאלעבץ "מיט דעם בין איך מכניע די קליפה".

דאס זעלבע האב איך געהערט פון רבי אהרן פריעדמאן ווי ער האט מיט דער עבודה אנגעהאלטן עד סוף ימיו. ער פלעגט אים צייגן די אויסשניצן פון די שאלעבץ און ער פלעגט אים בסדר זאגן "קוק ווי מ'קען פון א קליפה מאכן א כלי"...

✦✦✦

ער פלעגט מיר אסאך מאל זאגן אינטרעסאנטע אויסדרוקן. איינמאל צייגט ער מיר אויף די "Fluorescent Bulbs" און ער זאגט מיר "זעסט, דאס איז מיין פאטענט"... און ער הייבט מיר אן צו דערציילן, אז קודם האט מען דאס געמאכט אלס א רינדעכיגע באלב, אבער ס'האט נישט געטויגט, און ער האט באפוילן אז מ'זאל מאכן די לאנגע. אזוי האט ער זיך "משוגע געמאכט" און מיר האבן נישט פארשטאנען קיין ווארט וואס ער רעדט צו אונז. פלוצים געט ער זיך א רוף אן "די שבירה איז געווען אין די עגולים. נאכדעם האט מען דאס געמאכט ביושר און דאס איז געווען דער תיקון פון די עגולים". סתם ולא פירש.

ביי אן אנדער געלעגנהייט האט ער מיר געזאגט "זעסט דעם בריק, דאס איז מיין פאטענט". האט ער מיר שפעטער מסביר געווען. "דאס אז א מענטש זאל קענען אריבערגיין אסאך צרות ווי אויף א בריק און ס'זאל אים גארנישט שטערן זיין לעבן, דאס איז מיין פאטענט..." ווער עס האט אים געקענט האט פארשטאנען אז עס איז טאקע אזוי. דער איד האט דאך נעבעך גארנישט געהאט.

אין די צייטן וואס מיר האבן אים געקענט האט מען ניטאמאל געוואוסט זיין משפחה-נאמען. מ'האט זיך שפעטער דערוואוסט דורך א צופאל אז ער האט געהייסן "פיילשוס". ער האט נישט פארמאגט גארנישט, קיין לייב און קיין לעבן, קיין משפחה קיין גואל, אבער דאך איז ער אלץ געווען בשמחה, און ער האט רואיג שפאצירט אויפ'ן בריק פון שמחה און צופרידנהייט. "דאס" איז געווען זיין פאטענט.

✦✦✦

ער איז געווען א חכם מחוכם, א געלערנטער און פארשטענדליכער. ער האט געקענט אלע "שבעים לשון", און נישט איינמאל האט ער געשריבן ווערטער אויף פארשידענע סארט שפראכן. ווען עס איז אמאל אויסגעקומען האט ער גערעדט צו כינעזער ערלים אויף זייער שפראך. א חבר מיינער וואס האט געקענט די פראנצויזישע שפראך, האט אמאל פארפירט מיט אים א שמועס אויף פראנצויזיש. אבער ער האט געזאגט אז ער האט נישט ליב צו רעדן די אנדערע שפראכן ווייל דאס קומט מכח הטומאה.

ווען ער איז ל"ע נישט געזונט געווארן, און ער האט געהאט צו טוהן מיט די פיס האט מען אים אריינגעפירט אין שפיטאל מיט שטארקע יסורים. ער האט זיך מיר דאן אויסגעדרוקט, אז ער האט פרובירט אריינצוטראכטן פארוואס עס קומט אים צו ליידן יסורים ל"ע. האט ער מיר געזאגט אז ער טראכט אז דאס איז אפשר ווייל אין די יונגע יארן האט ער עוסק געווען אין חכמת חיצונית, און ער האט געלערנט אלע שפראכן. נאכדעם האט ער געזאגט עס קען נישט זיין, ווייל מ'זעט מרדכי הצדיק פון דער מגילה האט אויך געקענט אלע זיבעציג שפראכן, און דורכדעם האט ער געברענגט א הצלה פאר כלל ישראל. האט ער זיך אויסגעדרוקט, אז ביי דעם ווען קריג האט ער דורך זיין קענטעניס אויך זוכה געווען ארויסצוהעלפן פאר הצלת ישראל.

✦✦✦

אמאל ווען מען האט אים אריינגעפירט אין שפיטאל, האט ער זיך נישט געלאזט פון די פארשידענע פראצעדורן וואס די דאקטוירים האבן געוואלט דורכפירן, און די שפיטאל-באאמטע האבן זיך שווער געקענט אן עצה געבן מיט אים. מ'האט אים געוואלט בינדן הענט און פיס ווייל ער האט נישט געוואלט ליגן פרקדן. ער

האט זיך אנגערופן מיט אזא ווערטל "איך בין נישט קיין ליג'נער"...

איינמאל פרעגט מיך א דאקטאר אויב איך טראכט אז דער מענטש איז משוגע. זאג איך אים אז ניין. איך האלט אז ער ווייס פונקטליך וואס עס טוט זיך מיט אים. ער האט צוגעשטימט דערצו מיט התפעלות זאגנדיג, נישט סתם ער ווייסט נאר ער איז א "דזשיניעס"! דערציילט מיר דער דאקטאר, אז ווען מען האט געזען אין שפיטאל אז עס קומט אריין אביסל אן אינטרעסאנטער מענטש האבן זיי באשלאסן דורכצופירן פארשידענע שטודיעס אויף אים, און מ'האט אים געוואלט באהאנדלען אויף פארשידענע זאכן וואס האבן נישט דייקא געהאט צו טוהן מיט זיין רפואה. מיט זיין חכמה האט ער דאס גלייך פארשטאנען, און ער האט זיך בשום אופן נישט געלאזט.

איינמאל איז געווען, פארציילט דער דאקטאר ווייטער, ווען מען האט אים געוואלט געבן אינטערווינעס, האט ער דאס נישט געלאזט אריינלייגן, און ער האט קודם געוואלט ליינען וואס עס שטייט אויף דעם באטל. איך האב קודם געלאכט ביי מיר. וואס קען ער שוין דארט ליינען פון די גרויסע שווערע ווערטער. ס'איז דא ווערטער פון פופצן אותיות און מער... אבער ער וויל עס ליינען. אזוי אינמיטן געט ער זיך א שטעל אפ און פרעגט מיך אויף איין זאך "דאס איז דען נישט קיין חזיר?" ער זאגט מיר אזוי מיט א שמייכל. אפילו דער דאקטאר ווייסט נישט וואס דאס איז. און ער איז געווען גערעכט, ס'איז טאקע געווען טריפה.

דאס איז אבער נאר געווען דעמאלס. אזוי א גאנץ לעבן איז ער קיינמאל נישט געגאנגען צו קיין דאקטאר. ער האט ניטאמאל פארמאגט קיין סאשעל סעקיוריטי נומער... ער האט נישט געהאט קיין פייל אין שפיטאל, און ער האט קיינמאל נישט גענומען קיין מעדעצינען. און ער האט קיינמאל נישט געוואלט חתמ'ן זיין נאמען אויף קיין שום צעטלעך פון דער רעגירונג, ווען ער האט געדארפט נעמען א מעדעצין פלעגט ער א זאג טוהן "כי אני ה' רופאיך" און דאס איז געווען זיין גאנצע מעדעצין.

טראץ דעם אלעם האט ער זוכה געווען צו אריכת ימים ושנים, און ער האט דערגרייכט צו א הויכן עלטער ביז צו זיין פטירה בשנת הצדי"ק לימי חייו י' ניסן שנת תשס"ג.

זיין לוי' איז ארויסגעגאנגען פון דעם ניקלשבורגער ביהמ"ד אין מאנסי, וואו עס האט אים מספיד געווען כ"ק אדמו"ר מניקלשבורג שליט"א בבכי תמרורים, און מען האט אים מטמין געווען אין דעם מאנסי בית החיים.

יהא זכרו ברוך, און זאל ער זיין א מליץ יושר פאר גאנץ כלל ישראל.

### פון די ליינער

**זייגער** 13טן אפריל 2015

זייער שיין באשריבן!

קען איינער אפשר ארויפלייגן א בילד פון ר' משה?

אנהייב ארטיקל שטייט אז ער איז געבוירן בשנת תרע'ו, אויב אזוי איז ער נישט געווען בשנת הצדי'ק לחייו בשנת תשס'ג.

**יאיר** 15טן אפריל 2015

@א איד, יישר כח פאר דעם העכסט אינטערעסאנטן ארטיקל איבער דעם קוריאזן איד.

איך מיין אז עס איז שוין צייט צוריקצוגיין צו די אמאליגע תקופות, ווען צדיקים נסתרים האבן זיך געיאוועט אין די וועלדער און שטעגן.

**הוגה** 15טן אפריל 2015

איך האב אויך זייער הנאה געהאט פון דעם ארטיקל. גאר אינטערעסאנט און פיין געשריבן. ווען דו שרייבסט עס ווען בחייו וואלטן מיר אים נאך געקענט גיין זען. ומכאן הקריאה יוצאת, אויב ווייסט איר פון טשיקאווע אינטערעסאנטע מענטשן [פארקירצט], לאזט וויסן ווילאנג ס'נישט צו שפעט. יישר כח.

**א איד** 15טן אפריל 2015

איך וואלט עס גערן געשריבן בחייו נאר עס איז דעמאלטס נאכנישט געווען קאווע שטיבל, און דער איד האט עס נישט געוואלט אריינלייגן דעמאלטס.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/8634.html

ארטיקל · לכבוד שבת קודש

# לך לך – פארוואס הערסטו נישט?!

## פרשת לך לך – דער רוף וואס גייט צו יעדן איד, אין יעדן דור

קאווע שטיבל, פארום "תורה און מחשבה" ("מיט א טיפערן בליק") · א שעפעלע · 26סטן אקטאבער 2023, פרשת לך לך תשפ"ד



**יעדע וואך האט א שרייבער מיט'ן ניק "א שעפעלע" ארויפגעלייגט אויף קאווע שטיבל א שמועס אויף דער פרשה, אונטער'ן נאמען "מיט א טיפערן בליק". דא איז זיין שמועס אויף פרשת לך לך.**

א גוטן טייערע חברים וידידים..!

די תורה הקדושה הייבט אן אונזער פרשה מיט דעם ציווי ה' צו אברהם אבינו "לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך" אברהם אבינו דארף נעמען זיין וואנדער שטעקן אין די הענט אריין און פארלאזן זיין לאנד און זיין היימשטאט און זיין פאטער'ס הויז, און ער זאל ווענדן זיינע טריט "אל הארץ אשר אראך" צום לאנד וואו איך וועל דיר ווייזן.

חז"ל זאגן אין מדרש, און רש"י ברענגט אן ענדליכן לשון, "ולמה לא גילה לו?, כדי לחבבה בעיניו וליתן לו שכר על כל פסיעה ופסיעה". פארוואס האט השי"ת נישט תיכף ומיד דערציילט פאר אברהם אבינו וואו אהין ער דארף גיין, נאר אנשטאט דעם געזאגט "אל הארץ אשר אראך - צום לאנד וואס איך וועל דיר ווייזן", דאס איז אלעס געווען כדי עס זאל ווערן מער באליבט ביי אים און אז ער זאל באקומען שכר אויף יעדן איינציגסטן טריט וואס ער גייט בשעת ער ווייסט נישט וואו אהין.

אבער באמת קען מען אריינקלערן, פארוואס האט אויסגעפעלט אז אברהם אבינו זאל נישט וויסן וואו אהין ער גייט כדי ער זאל באקומען שכר אויף יעדן טריט?, מיר געפינען דאך אין חז"ל אז ווען אן איד גייט אין בית המדרש צו דאווענען אדער צו לערנען, באקומט ער 'שכר פסיעות' אויף די אלע טריט, ווייל יעדער טריט צו א מצוה איז חשוב און הייליג, באטש מיר ווייסן פונקטליך וואו אהין מיר גייען, אויב אזוי פארוואס איז דארט געווען אנדערש אז מ'האט געדארפט פארהוילן פון אברהם אבינו וואו אהין ער דארף גיין?.

און בכלל געפינען מיר אז דער אייבישטער האט אים קלאר געזאגט "לך לך - להנאתך ולטובתך" אז דאס גאנצע גיין איז א טובה פאר אים, און ווי רש"י ערקלערט, ושם אעשך לגוי גדול, וכאן אי אתה זוכה לבנים, ועוד שאודיע טבעך בעולם, אז דווקא דארט אינעם נייעם פלאץ דארט וועט ער זוכה זיין צו קינדער און אז זיין נאמען זאל ווערן גרויס, אבער דא נישט, "וכאן אי אתה זוכה" דא קענסטו נישט זוכה זיין. זעען מיר פון דעם אז השי"ת האט אים יא גרינגער געמאכט דאס גיין דורכ'ן אים דערציילן אז עס וועט ארויסקומען פון דעם א תועלת און א טובה און דורכדעם וועט ער געהאלפן ווערן.

יעצט, אויב ס'איז געווען אן ענין אים צו מאכן שווער דעם וועג, ווי מען לערנט בפשטות די סיבה פארוואס השי"ת האט אים נישט געוואלט מגלה זיין וואו צו גיין, אויב אזוי פארוואס האט אים דער אייבישטער יא מבשר געווען די בשורה טובה אז דארט וועט ער געהאלפן ווערן, לכאורה וואלט דער נסיון געווען אסאך גרעסער און שווערער אויב ער וואלט געמיינט אז דאס וועט בכלל נישט זיין קיין טובה פאר אים.

צוויי מענטשן הערן די זעלבע זאך און גייען אוועק מיט אנדערע מסקנות

איז איידער מיר קומען צום מוסר השכל וואס מיר קענען בעזהשי"ת ארויסנעמען פון דא, לאמיר קודם מקדים זיין אן אינטערסאנטע ערשיינונג וואס מיר באגעגענען גאנץ אפט אין פארשידענע חלקים פון אונזער לעבן, און זיך אביסל פארטיפן דערין בסייעתא דשמיא.

לאמיר אנפאנגן מיט א פשוט'ן משל: ראובן און שמעון זענען צוויי עלטערן וואס שיקן זייערע קינדער אינעם זעלבן מוסד. איין טאג האט דער מוסד פאררופן א חינוך אוונט וואו די עלטערן וועלן האבן די געלעגנהייט צו קומען און הערן תוכנ'דיגע דרשות בנוגע דעם ענין פון חינוך הבנים והבנות.

ראובן און שמעון שטעלן זיך בביידע צו מיט גרויס פונקטליכקייט, אכט אזייגער אין אוונט, באלד נאכ'ן עפענען די טויערן פונעם זאל, קומען זיי ביידע צו גיין, זיי נעמען א גוטן פלאץ און האלטן מיט דעם גאנצן פראגראם, זיי ביידע זיצן און לייגן צו אן אויער צו די ווערטער פון די בעלי דרשנים. אבער דאך, ווען דער אוונט ענדיגט זיך, דערקענט זיך א ריזיגער קאנטראסט צווישן זיי. ראובן קומט ארויס אינגאנצן אנגעוואוארעמט, ער האט געהערט גאר אסאך אינטערסאנטע אינפארמאציע, און ער האט אין זיין טאש בערך פיר פינעף נייע פראקטישע עצות אין חינוך וואס ער האט קונה געווען ביי די רייכע דרשות, ער איז גרייט שוין אנצוהייבן מיט עקסטאז, און ער קוקט שטארק ארויס אויף דער נאנטער צוקונפט אין וועלכער ער האפט בעזהשי"ת אויפצוהייבן דעם חינוך פון זיינע קינדער און עס ברענגן צו פרישע שטאפלען דורך די גוטע מהלכים וואס די ערפארענע מחנכים האבן מיטגעטיילט.

דאגעגן שמעון קומט ארויס פון דארט מיט אן אראפגעלאזט פנים, און ווען איינער פרעגט אים וואס ער האט דארט געהערט, ענטפערט ער מיט קענטיגער ביטערניש "איך האב נישט קיין אהנונג פארוואס איך בין בכלל געקומען, מ'האט גערעדט און גערעדט אבער גארנישט געזאגט, ס'איז אינגאנצן נישט געווען צו דער זאך, איך האב נישט געהערט קיין איין חידוש און קיין איין פראקטישע עצה" און אזוי ווייטער.

יעצט לאמיר זיך נישט נארן, דאס איז ממש 'מעשים בכל יום' וואס מיר לעבן מיט, צוויי מענטשן קענען הערן די זעלבע זאך, זיי קענען זיצן ביי דער זעלבער דרשה, און איינער הערט עפעס און איינער נישט.

וואס באמת איז עס טאקע א וואונדער, וויאזוי קען דאס זיין? מילא אויב מ'וואלט זיך געקריגט בנוגע דער שטימע פונעם בעל דרשן אויב ס'איז שיין אדער נישט, אדער אויב ער האט גערעדט געשמאק אדער נישט, אויב זיינע מליצות און משלים זענען געווען טרעפליך אדער נישט, נו, ביי דעם פארשטייען מיר וויאזוי ס'קען זיין חילוקי דיעות ווי דער מאמר החכם אז 'על טעם וריח אין להתווכח', עס האט נישט קיין פשט צו פירן ויכוחים אויף א טעם וריח, יעדער האט ליב אנדערע זאכן און יעדער האט אנדערע סארט תענוגים און הנאות. אבער ווען מ'רעדט לגבי דעם תוכן פון די רייד און דעם אינהאלט פון די דברי חכמה וואס א בעל דרשן האט פארגעלייגט פאר'ן ציבור, וויאזוי קען זיין אז איינער האט געהערט הערליכע רעיונות, און אין דער זעלבער צייט שרייט זיין שכן אז 'ער האט גארנישט געהערט'? צי דען זאגט איינער פון זיי ליגענט?.

פארוואס הערט איינער יא און איינער נישט?

און דער אמת איז אז מ'קען מאריך זיין אין דעם און ברענגען צענדליגע דוגמאות פון אונזער חיי היום יום, וואו עטליכע מענטשן הערן די זעלבע זאכן און די זעלבע נקודות, און איינער דערהערט עס אלס חידושים און אינפארמאטיוו, און דער צווייטער דערהערט עס אלס דברים בטלים און פוסטע רייד.

עס קענען זיצן צוויי בחורים אין ישיבה ביי דער פתיחת הזמן דרשה פונעם ראש ישיבה, און פאר איינעם איז עס ממש מחייב, ער האט געהערט ווי דער ראש ישיבה האט געמאנט און געפאדערט און גערעדט פון פרישע פלענער און גרויסע שאיפות פאר'ן נייעם זמן באגלייט מיט פראקטישע קבלות און הדרכות, און דער צווייטער זיצט אדורך די גאנצע דרשה און שפירט ווי דער האן אין בני אדם, ער האט נישט געהערט קיין שום משמעות'דיגן געדאנק, אין זיינע אויערן איז עס בלויז א געמיש פון ווערטער אן קיין שום זאך וואס רעדט צו זיין נפש.

ענדליך צו דעם געפינט מען ווען צוויי אידן האבן מיטגעמאכט די זעלבע סארט נסיון, ביידע זענען ליידער אדורך א געוויסע שוועריגקייט; ביידע זענען קלוגע, פארשטענדליכע, און ענערגישע מענטשן, איינער פון זיי איז געוואקסן און געשטיגן הויעך פון זיין נסיון, ער האט דערהערט אז דאס איז א שליחות וואס מ'האט ארויפגעווארפן אויף אים פון הימל, ווי מיר האבן שוין עטליכע מאל דערמאנט די נקודה אז ס'איז פארהאן מענטשן וואס האבן פארוואנדלט זייערע נסיונות אין א לייכטטורעם פאר אנדערע, זיי האבן זיך אריינגעלייגט אין דעם נושא, זיי האבן שטודירט די געוויסע שוועריגקייט, זיי האבן זיך איינגעקויפט ערפארונג, און דערמיט האבן זיי געעפנט א מוסד, אן ארגעניזאציע, א חסד אימפעריע, וכדומה, וואס דאס איז די מציאות און פאקט וואס ליגט אונטער אסאך פון אונזערע חשוב'ע און בארימטע מוסדות וואס זענען געקומען צו גיין מתוך צרה וצוקה, דורך א ווייטאגליכע מיטמאכעניש וואס איין איד איז אדורך און ער האט באשלאסן דאס צו דערהייבן גאר הויעך...

אבער אין דער זעלבער צייט איז זיין חבר, וועלכער איז פונקט אזוי געשיקט און געלונגען ווי ער, געבליבן זיצן צעבראכן און צעקלאפט פון זיין שווערע דורכגאנג, ער האט נישט דערהערט אין דעם קיין שום געטליכן רוף, ער האט נישט געזען אין דעם קיין געלעגנהייט, אדרבה, ער איז נאר געווארן מער צעמישט און מער חרוב ונחרב דורך זיינע צרות. נו, וויאזוי קען דאס טאקע זיין? פארוואס איינער הערט איין זאך, און נישט סתם א זאך, נאר א גרויסע און ריזיגע זאך, און אין דער זעלבער צייט הערט א צווייטער גארנישט? וואס קומט דא באמת פאר?!.

אלעס ווענדט זיך אין דער כוונה וויאזוי מען קומט הערן

נאר דער אמת איז אז דער חילוק ליגט באגראבן אין די מענטשן זעלבסט. דער כוח השמיעה פון אן איד איז געוואנדן אין אים אליינס, אין זיינע כוחות הנפש, און ווי גרייט ער איז צו הערן און מקבל זיין.

ווען די צוויי עלטערן זענען אריינגעקומען צו דער זעלבער דרשה, איין טאטע איז געקומען מיט א התעוררות, מיט א

תשוקה צו הערן, ווייל ער זוכט צו שטייגן, ער איז א מבקש, ער שפירט אז זיין חינוך קען זיין בעסער, און ער ווארט צו הערן א גוט ווארט אדער הדרכה אין דעם נושא. און ממילא ווען מ'קומט צו גיין אזוי, הערט מען שוין איינמאל! זיין נפש איז אפן און גרייט מקבל צו זיין, און אפילו אויב דער בעל דרשן האט נישט מחדש געווען קיין ריזיגע חידושים, אבער ער האט שוין עפעס געהערט, ער האט שוין ארויסגענומען חיזוק און ער איז גרייט צו ארבעטן דערמיט.

דאגעגן זיין חבר איז געקומען צו גיין אויף יוצא צו זיין, ער האט נישט קיין ברירה ווייל דער מוסד פון זיין קינד האט דאך פארלאנגט אז די עלטערן זאלן קומען צו א חינוך אווענט. בלית ברירה שלעפט ער אהין זיינע פיס, און ער האט הונדערט און איין זייטיגע סיבות פארוואס ער איז געקומען, ער וויל וויזן פאר'ן מוסד אז ער שטעלט זיך צו, ער וויל קענען ענטפערן מארגן פאר זיינע קינדער אז ער איז געווען, ער קען באשטיין אז פלוני זאל אים זען דארט, ער וויל אויך טרעפן זיין זוהנ'ס מלמד, וכדומה, אלע סארטן מחשבות און חשבונות, אבער נאר נישט דעם עיקר... ער איז אינגאנצן נישט געקומען הערן, עס אינטערסירט אים נישט, און ער זוכט דאס נישט. און אויב דאס הארץ איז פארמאכט און די אויערן זענען פארשטאפט, אודאי הערט מען נישט.

און דאס זעלבע איז מיט'ן ישיבה בחור וואס זיצט ביי דער פתיחה דרשה, אלעס ווענדט זיך וויאזוי ער איז אנגעקומען צו דער דרשה, מיט וואס פאר א געפיל און וויפיל הכנה האט ער געמאכט פון פריער, און וויפיל השתוקקות האט ער צו מצליח זיין. ווייל נאר דעמאלטס ווען דאס הארץ איז אפן און גרייט צו דערהערן קען מען טאקע הערן.

### מ'דארף האבן שכל צו דערהערן און אויסנוצן דעם בת קול

און אזוי איז באקאנט פונעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע וואס האט געזאגט, חז"ל לערנען אונז (אבות פ"ו מ"ב) אז יעדן טאג גייט ארויס א בת קול פונעם הר חורב צו ערוועקן אידן תשובה צו טוהן. און לכאורה איז שווער, וואס איז דער ציל פונעם בת קול אויב קיינער הערט דאס סייווי נישט. איז דער בעל שם הק' מסביר אז דער 'בת קול' דאס ברענגט אריין א התעוררות תשובה אין אן אידיש הארץ, כאטש דער מענטש הערט טאקע נישט דעם בת קול מיט זיינע אויערן, דאך גייט עס אריין אינעווייניג אין זיין פנימיות, און זיין נשמה ווערט ערוועקט צו תשובה. און אויב אן איד האט א השתוקקות צו תשובה, ער ווארט אויף א געלעגנהייט און וויל באמת תשובה טוהן, און ער האט דעם ריכטיגן שכל אויסצונוצן די געלעגנהייט ווען ער שפירט ביי זיך א התעוררות, דעמאלטס פארשטייט ער טאקע גלייך אז דאס קומט פונעם בת קול וואס ערוועקט אים פון הימל צו תשובה, און ער נוצט באמת אויס די התעוררות תשובה צו טוהן. מה שאין כן אויב אן איד האט נישט קיין שכל, 'דערהערט' ער נישט די ערוועקונג צו תשובה, און ער מאכט זיך נישט וויסענדיג דערפון, און אזוי ארום לאזט ער ארויס די התעוררות פון אונטער זיינע הענט און ער טוהט נישט קיין תשובה. (זע דגל מחנה אפרים פרשת ויקרא)

און גענוי דאס איז דער ענין וואס מיר האבן פריער געשמועסט ווען אן איד מאכט חלילה מיט א שווערן נסיון, וכדומה, דאן ווענדט זיך אלעס אינעם מקבל, אויב פארשטייט ער אז דאס איז א התעוררות-רוף פון אויבן און אז מען ווינקט אים פון הימל, דעמאלטס קען ער טאקע זוכה זיין צו דערהערן און מקבל זיין די געטליכע שליחות וואס ליגט באהאלטן פאר אים אינעם נסיון. אבער איינער וואס האלט נישט ביים הערן, ער טראכט נישט אריין און איז זיך נישט מתבונן ווי עס דארף צו זיין, דער הערט טאקע גארנישט דארט.

### די אהבה צו כלל ישראל אן קיין שום תנאים

אצינד לאמיר צוריקקומען צו אונזער פרשה. דער רמב"ן פרעגט א באקאנטע קושיא, פארוואס האט די תורה הקדושה אונז נישט 'פארגעשטעלט' אביסל ווער דאס איז אברהם אבינו, וואס איז זיין יחוס, זיין היסטאריע, זיין השתלשלות, אזוויו מיר געפינען ביי אנדערע מענטשן אין די תורה וואו די תורה הקדושה איז מקדים ווער עס איז געווען אדם הראשון, נח, און אזוי ווייטער, נאר אנשטאט דעם הייבט די תורה גלייך אן צו דערציילן ויאמר ה' אל אברם לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך, אז דער אייבישטער האט אים געהייסן גיין, נאך איידער מיר וויסן אפילו ווער ער איז. און בפרט אז מיר ווייסן אז ס'איז דא אסאך צו דערציילן איבער דעם לעבן פון אברהם אבינו, זיין מסירות נפש אין אור כשדים און ווי ער איז גראטעוועט געווארן פונעם פייער, דאס איז דאך ממש פון די יסודות פון כלל ישראל, און די תורה ברענגט עס בכלל נישט.

ענטפערט דער מהר"ל פון פראג זי"ע (אין ספר דרך חיים אויף פרקי אבות) אויב די תורה הקדושה וואלט קודם דערמאנט די צדקות און די גדלות פון אברהם אבינו, וואלטן מיר געמיינט אז טאקע צוליב דעם האט השי"ת אים אויסגעוועלט און אים מקרב געווען צו זיך, אברהם מיט זיינע קומענדיגע דורות, אלעס צוליב זיין גרויסקייט און זיינע מעשים טובים, וואס דאס מיינט אז עס איז בלויז א "אהבה תלויה בדבר" א ליבשאפט וואס איז אנגעוואנדן אין א געוויסער סיבה, און ממילא אויב חלילה אין די שפעטערדיגע דורות וועלן אידן זיך נישט פירן אזוי גוט, קען דאך ח"ו זיין "בטלה האהבה" ווייל די אלטע סיבה און די אמאליגע ליבשאפט איז שוין נישט דא. דערפאר האט די תורה נישט געשריבן קיין שום מעלה פון אברהם אבינו, דאס קומט אונז לערנען א מוסר השכל, זאגט דער מהר"ל, "אבל עתה שלא הקדים לומר צדקות אברהם, ור"ל לא בשביל שום צדקות בחר באברהם ובזרעו, רק שבחר באברהם ובזרעו מצד עצמם ולא בשביל דבר שהיה אפשר לומר שכאשר בטל אותו דבר בטלה האהבה", השי"ת האט בוחר געווען אין אברהם אבינו אן קיין שום טעם, עס האט נישט געהאט צו טוהן מיט זיינע גרויסע מדריגות און מיט זיין קדושה און צדקות, נאר השי"ת האט אויסגעוועלט אין אים און אין זיינע קינדער עד סוף כל הדורות מיט א "אהבה שאינה תלויה בדבר" א שטענדיגע אהבה וואס ווערט נישט בטל אין קיין שום מצב, נישט קיין חילוק וויאזוי אידן פירן זיך אויף.

און באמת ווערט טאקע געברענגט אין ספרים הקדושים אז דער רוף פון "לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך" איז נישט געווען בלויז אן איינמאליגער רוף צו אברהם אבינו בימים ההם, נאר דאס זענען נצחיות'דיגע ווערטער, עס איז אן אייביגער רוף וואס השי"ת רופט צו יעדן איד אין יעדן דור, דער אייבישטער רופט צו יעדן פון אונז אז מיר זאלן זיך אפשאקלען פון אונזער ארציות און חומריות, פארלאזן אונזערע געוואוינהייטן און רצונות, און מיר זאלן זיך אויפהייבן און שטייגן העכער און אנקומען צום ציל פון זיך דערנענטערן לעבודתו יתברך שמו.

וואס צוזאמען מיט די ווערטער פונעם מהר"ל שטימט דאס גאר גוט. דאס הייסט, טאקע ווייל דער אייבישטער וויל אז יעדער איינציגסטער איד זאל קענען דערהערן דעם רוף, און זיך נישט מייאש זיין און איינרעדן אז ער איז נישט אברהם אבינו און ער איז בכלל נישט מסוגל צו הערן דעם דבר השם, דערפאר האט די תורה בכלל נישט מקדים געווען איבער דער גרויסקייט פון אברהם אבינו, אונז צו לערנען אז עס זענען נישט פארהאן קיין שום 'תנאים' צו דעם רוף, מ'דארף נישט אריינשפרינגען אין קאלך-אויוון כדי אז השי"ת זאל אונז רופן און וועלן דערנענטערן צו אים, נאר דאס איז א רוף וואס יעדער איינער קען הערן, נישט קיין חילוק אין וועלכן מצב ער געפינט זיך.

קומט אויס אז די תורה הקדושה רעדט דא צו יעדעם איינעם ממש, צו איך און דו, און רופט אונז און איז אונז מעורר זיך אויפצוהייבן, זיך צו טוישן, און מקיים זיין לך לך מארצך.

### ווי מער שווער און פרעמד עס קוקט אויס, אלס גרעסער איז די הצלחה

אבער ווי מיר האבן שוין אסאך מאל דערמאנט, וואס איז טאקע איינס פון די הויפט סיבות פארוואס מ'זעט נישט אין גרויסן ווי מענטשן טוישן זיך מיט א שינוי לטובה און נעמען זיך אין די הענט אריין מיט דראסטישע שריט?, וואס איז די זאך וואס האלט צוריק זייער אסאך מענטשן פון זיך רוקן פאראויס?, דאס איז דער 'פחד פון דעם אומבאקאנטן', ער ווייסט נישט וויאזוי עס וועט זיך אויסארבעטן, אדער וויאזוי ער וועט אויסקוקן נאכ'ן מאכן דעם טויש, און דעריבער האט ער מורא אהינצוגיין.

עס איז גאנץ פשוט צו פארשטיין אז יעדער מענטש איז באקוועם מיט זיין יעצטיגן מצב, דא איז אים גוט, דא האט ער חברים און א סביבה, דא ווייסט ער פונקטליך וואס און וויפיל ער נעמט זיך אונטער. אבער 'דארט'? אה, דארט איז דער וועג נאך בכלל נישט אויסגעטרויטן פאר אים.

למשל אויב א בחור אין ישיבה וואס ביז יעצט איז ער געווען א דורכשניטליכער 'בינוני', און פון יעצט און ווייטער וויל ער זיך אנשטרענגען מער, שטייגן העכער און ווערן א 'מצויין', דאן האט ער א שרעק, ווער ווייסט וואס וועט פאסירן מיט זיינע ביז-יעצטיגע חברים, אפשר וועט ער זיי פארלירן? און בכלל, ווער זאגט אז ער קען זיך אונטערנעמען צו זיצן מער שעות אין בית המדרש? איז ער טאקע גרייט אויפצוגעבן אויף זיין פרייע צייט און זיין בין הסדרים? און אזוי ווייטער פארשידענע שאלות און ספיקות וואס נאגן אים אין זיין הארץ.

און פארשטייט זיך אז אין טאג-טעגליכן לעבן איז עס דא אויך אסאך העכערע שטאפלען אויך. למשל, ווען א מענטש האט א ביזנעס, און עס קומט אונטער א געלעגנהייט אריינצושפרינגען אין א נייעם פראיעקט אדער א גרויסער אונטערנעמונג, וועלן זיך רוב מענטשן נישט איילן דערצו, ווייל מען גלייכט נישט זיך אונטערצונעמען ריזיקעס און זאכן וואס מ'ווייסט נישט וויאזוי עס וועט דעמאלטס זיין און וואס מ'וועט אלס דארפן טוהן דערצו. ווי חז"ל זאגן, אדם רוצה 'בקב שלו' יותר מתשעה קבין של אחרים, א מענטש וועט זיך אסאך שנעלער באגנוגן מיט דעם ביסל וואס ער פארמאגט ביז יעצט, ווייל דאס קען ער שוין און מיט דעם איז ער באקוועם, און ער זוכט נישט די גרויסע און גאלדענע גליקן וואס זענען אים דערווייל אומבאקאנט און אומזיכער.

אבער דאס איז א חלק פונעם טעות! מ'דארף נעמען אין אכט אז געווענליך די קליינטשיגע שינויים וואס דער מענטש איז גרייט צו מאכן, די קליינע 'קינדער טריט' וואס ער גרייט זיך צו רוקן פאראויס, דאס זענען על פי רוב נישט קיין גרויסע גליקן, נישט דארט שטעקט זיין ריזיגע הצלחה און זיין געוואלדיגער שינוי לטובה. ווייל וויפיל דער מענטש איז באקוועם זיך צו רוקן ווייטער, דאס מיינט אז עס גייט נישט דא פאסירן קיין דראסטישע חידושים, און טאקע פארדעם איז ער מסכים צו שטעלן די פאר טריט פאראויס, ווייל עס מיינט כמעט גארנישט ממשות'דיג.

אנדערש איז אבער דארט וואו ער שפירט א פחד, דארט וואו די אומזיכערקייט רייסט שטיקער פון אים, דארט וואו ער ציטערט צו שטעלן א פיס ווייל ער ווייסט נישט וואס וועט זיין און וויאזוי עס וועט זיך אויסארבעטן, אט דאס איז דער גרעסטער באווייז אז ס'רעדט זיך פון עפעס מער ערנסט! אה, דא רעדט מען שוין פון ערנסטע פארשריט, וואס פון דעם האט א מענטש מורא.

און דאס איז מרומז אינעם "אל הארץ אשר אראך" וואס השי"ת זאגט צו יעדן איד ווי דערמאנט. דו מענטש דו מוזט זיין גרייט זיך ארויסצולאזן אויף אן אומבאקאנטע רייזע, צו אן ארץ לא זרועה, צו א פלאץ וואס דו ווייסט נישט אויב עס וועט דיר באמת געלונגען אדער נישט. און יא עס איז טאקע שווער און פרעמד, אבער נאר דעמאלטס קען מען מאכן אן אמת'ן טויש און זוכה זיין צו 'שכר על כל פסיעה ופסיעה'.

[פארשטייט זיך אז מען דארף האבן דעם ריכטיגן שיקול-הדעת, און מ'מוז זיין גוט אויספלאנירט פון פריער, און מ'טאר זיכער נישט אריינשפרינגען בלינדערהייט אין יעדער זאך וואס מ'האט מורא דערפון. אבער עכ"פ אונזער נקודה איז, אז דאס קען דינען אלס א 'סימן' פאר'ן מענטש; אויב האט ער מורא פונעם עתיד, ער איז נישט זיכער און באקוועם דערמיט, איז דאס גאנץ א שטארקער באווייז אז עס רעדט זיך פון אן ערנסטן שינוי, און ס'איז כדאי זיך מתבונן צו זיין דערין ווייל אפשר לוינט זיך עס].

### דער מענטש ווייסט קלאר אז עס איז א טובה פאר אים

איז ווען השי"ת שטייט און רופט צום איד און בעט זיך ביי אים לך לך מארצך, ר' איד דערהייב זיך העכער! לאז אפ דיינע ביז

יעצטיגע וועגן, נעם דיך אין די הענט אריין, באניי זיך מיט א התחדשות און מאך א שינוי לטובה. און דער מענטש ווייסט גאנץ קלאר און דייטליך אז עס איז "לך לך - להנאתך ולטובתך" אז דאס וועט זיין די גרעסטע תועלת און תכלית פאר אים, עס איז שוין העכסט צייט זיך צו טוישן און ווערן מער אויסגעהאלטן, מער ערליך, מער תורה'דיג, מער אויסגעארבעט אין מידות, און ער ווייסט זייער גוט אז עס איז א מצב פון "וכאן אי אתה זוכה!" אויב בלייב איך וואו איך בין דאן וועט פון מיר גארנישט ווערן ח"ו... עס איז נישט מעגליך פאר מיר אזוי צו זיין אן איד, צו פירן א שטוב, מחנך צו זיין מיינע קינדער, אויב בלייב איך קלעבן אין מיין יעצטיגן מצב און איך טויש נישט מיינע שלעכטע געוואוינהייטן, התנהגות, סביבה, וכדומה.

און טאקע דערפאר שרייבט די תורה ארויס דעם חלק פון להנאתך ולטובתך, ווייל דאס איז קלאר ביי יעדעם איינעם, עס איז בכלל נישט קיין סוד און ס'איז אינגאנצן נישט פארהוילן פונעם מענטש אז אויב ער וועט זיך אוועקרייסן פון זיין ביז-יעצטיגער געוואוינהייט וועט דאס זיין פאר אים די גרעסטע טובה, ער ווייסט דאס שווארץ אויף ווייס! אבער מיט דעם אלעם בלייבט עס נאך אלס זייער א גרויסער און שווערער נסיון, און ער קען כמעט נישט פועל'ן ביי זיך צו דערהערן דעם רוף פון השי"ת זיך צו טוישן, ווייל ער איז נישט באקוועם און ער האט מורא, און ער זוכט זיך נישט קיין נייע זאכן...

און אז מען בלייבט איינגעזינקן אין דער טבעיות'דיגער פוילקייט און מ'שטאפט זיך צו די אויערן, דעמאלטס הערט מען נישט!, אזוי ווי מיר האבן פריער דערמאנט אז דער וואס האלט נישט ביים הערן הערט נישט, און אויב מ'קומט נישט גרייט מיט א רצון און א תשוקה פון זיך וועלן טוישן, דאן איז נישט דא פון וואס צו רעדן.

מען דארף קומען גרייט און מיט א שטארקן ווילן!

דערפאר ברענגט דער מדרש אין אונזער פרשה, דעם פסוק אין שיר השירים (ח' ט') וואס השי"ת האט געזאגט אויף אברהם אבינו, "אם חומה היא נבנה עליה טירת כסף" אויב איז ער אזוי שטארק ווי א מויער, ער שטייט פעלזן פעסט, דאן קען איך בויען ביי אים א זילבערנעם פאלאץ, "ואם דלת היא נצור עליה לוח ארז" אויב איז ער אבער נאר ווי א האלצערנע טיר, דאן קען מען נישט מער ווי ארויפמאלן אויף דעם א בילד וואס האלט זיך פאר א קורצער צייט און במשך הזמן ווערט עס אפגעמעקט... און ווי עס איז מבואר אין ספרים די כוונה פונעם מדרש, אז השי"ת האט קודם געוואלט זען אויב אברהם אבינו איז שטארק ביי זיך, אויב ער שטייט ווי א דיקע מויער און אן אומבויגזאמע וואנט, דאן קומט אויס אז ער איז א כלי מחזיק ברכה, ער איז ראוי צו השראת השכינה, און ער וועט דאס אויסנוצן ווי עס דארף צו זיין. אבער איינער וואס איז נאר ווי א 'דלת' ווי א טיר וואס וואקלט זיך אהין און צוריק און שטייט נישט אויף איין פלאץ, עס ווערט געעפנט דורך יעדן ווינט און יעדן ריר, דאן איז נישט פארהאן ביי אים קיין מקום פאר אמת'דיגע השראת השכינה. ער קען טאקע זוכה זיין אין קליינינקייטן, א צייטווייליגע דערהויבנקייט, א גוטע מינוט דא און דארט, אבער עס וועט זיך נישט האלטן צו לאנג, "מה הצורה הזו אינה אלא לשעה, כך אין אני מתקיים עליו אלא לשעה"...

וואס דאס איז די הדרכה און דער יסוד פאר יעדן איד אין יעדן דור וואס צו אים איז דאך אויך געוואנדן דער רוף פון לך לך מארצך. און ווי געזאגט דארף מען טאקע נישט זיין קיין אברהם אבינו, מ'דארף נישט זיין קיין צדיק יסוד עולם כדי זוכה צו זיין צו דעם רוף. אבער וואס יא? וואס איז דער איינציגסטער תנאי וואס אן איד דארף יא האבן פון פאראויס כדי צו קענען 'דערהערן' דעם הייליגן רוף, און וואס פעלט זיך אויס אז זיין נשמה זאל באמת קענען איינזאפן און אריינזעמען אין זיך דעם הייליגן רוף, ער זאל גוט הערן און עס זאל אים אויפוועקן און ברענגן נענטער צום באשעפער?.

לערנט אונז דער מדרש, אז מען מוז האלטן דערביי! מ'מוז וועלן הערן און מ'מוז קומען גרייט מקבל צו זיין, מ'דארף קומען מיט א פעסטער החלטה אזוי ווי א חומה בצורה, מ'דארף זיך אנגארטלען מיט אן אייזערנעם ווילן פון וועלן אריינשפרינגען אינעם שינוי לטובה, און זאגן "זאל זיין וואס זאל זיין, איך רוק מיך פאראויס, איך גיי שטייגן, איך גיי זיך טוישן"... אבער אויב מען קומט נאר ווי די טיר וואס שאקלט זיך אהין און אהער, מ'לייגט בלויז צו א האלבן אויער, אבער מ'איז נישט גרייט מקבל צו זיין, מ'איז נישט גרייט ארויסצוגיין פון דער באקוועמער זאנע, דעמאלטס קען מען טאקע נישט זוכה זיין, און דעמאלטס דערהערט מען נישט חלילה דעם הייליגן רוף פון השי"ת.

## לסיכום, געדענק

- השי"ת רופט צו יעדן איד אין יעדן דור און בעט פון אים "לך לך מארצך", הייב זיך אויף און שאקל זיך אפ פון דיין ארציות און קום נענטער צו מיר.
- דער איינציגסטער וועג צו קענען דערהערן דעם רוף איז נאר אז מ'מאכט אפ מיט א פעסטן רצון און תשוקה אז מ'וויל עס הערן און מ'וויל זיך באמת טוישן.
- געדענק! די אלע שינויים וואס א מענטש האט מורא צו מאכן, דארט וואו ער שפירט פארלוירן און פרעמד, דארט ליגט געווענליך זיין הצלחה..

א לעבטיגן שבת קודש!

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/16657.html

וועכנטליכער קאלום • שמועסן אויף דער סדרה

# וואו איז אברהם אבינו געבוירן געווארן?

## אור כשדים, חרן, אדער גאר כותא – א קורצער שמועס אויף קאווע שטיבל

קאווע שטיבל, פארום "היסטאריע" | דולה ומשקה (עפנער), און די חברים | 24סטן – 30סטן אקטאבער 2014

**די פרשה הייבט זיך אן מיט "לך לך מארצך וממולדתך", אבער וואו איז געווען אברהם אבינו'ס "מולדת"? אין דער וואך פון פרשת לך לך תשע"ה האט מען דאס געפרעגט אויף קאווע שטיבל. דא איז דער גאנצער שמועס.**

**דולה ומשקה** 24סטן אקטאבער 2014

דער אבן עזרא נעמט אן על פי פשוטו של מקרא אז אברהם אבינו איז געבוירן געווארן אין אור כשדים, זיין ראיה איז פון דעם פסוק (בראשית יא כח) "וימת הרן על פני תרח אביו, בארץ מולדתו באור כשדים".

דער רמב"ן איז שטארק חולק אויף דעם, ווייל פון דעם פסוק איז בכלל נישט דא קיין ראי' אויף אברהם, דא שטייט אז אור כשדים איז געווען די געבורטס-שטאט פון הרן, עס איז בכלל נישט מוכרח אז אברהם אבינו איז אויך דארט געבוירן.

ווען אברהם אבינו האט געשיקט אליעזר צו טרעפן א ווייב פאר זיין זוהן יצחק, האט אים אברהם אזוי געזאגט (בראשית כד ד): "כי אל ארצי ואל מולדתי תלך, ולקחת אשה לבני ליצחק". און צו וואו האט אים אברהם אבינו געשיקט? נישט קיין אור כשדים, נאר אברהם האט געשיקט אליעזר קיין ארם נהרים עיר נחור, וואס דאס איז בכלל נישט "אור כשדים".

אברהם אבינו איז געווען פון די אייניקלעך פון 'שם בן נח', די כשדיים זענען געווען אייניקלעך פון חם. חז"ל זאגן אונז (בבא בתרא צא ע"א) אז אברהם איז געבוירן געווארן אין כותא. דער רמב"ם (מורה נבוכים ח"ג כט) ברענגט א ראי' צו דעם חז"ל פון ספרי האומות.

נאר פון דעם נביא ישעיה (כג יג, ועי' ברד"ק שם) איז משמע אז די כשדיים האבן אסאך ארומגעוואנדערט, זיי האבן איינגענומען שטחים און שפעטער זענען געקומען אנדערע וואס האבן פארטריבן די כשדיים, אזוי איז געגאנגען חוזר חלילה, ווען מ'האט זיי פארטריבן זענען זיי געגאנגען ווייטער און כובש געווען דארט. מחמת דעם אין שפעטערע תקופות האט מען גערופן ארם נהריים מיט'ן נאמען 'ארץ כשדים', ווייל זיי זענען דארט אנגעקומען און זיך דארט באזעצט פאר א לענגערער תקופה.

אלזא, הרן איז געבוירן אין דעם ארגינעלן אור כשדים, וואס די תורה דערמאנט, משא"כ אברהם אבינו איז געבוירן געווארן אין 'כותא' וואס דאס איז אין דער געגענט פון ארם נהריים, וואס אין א שפעטערער תקופה האט מען דאס גערופן 'ארץ כשדים', אבער דאס איז בכלל נישט דער ארגינעלע 'אור כשדים'.

**זוכער** 24סטן אקטאבער 2014

דער רמב"ם ברענגט א גמרא אז אברהם נחבש בכותא. פון רש"י אנהייב לך איז אויך משמע אז רש"י האט אנגענומען אור כשדים אלץ אברהם אבינו'ס געבורט-שטאט.

**מ גפני** 28סטן אקטאבער 2014

ס'ליגט מיר אין זכרון אז דער פלאץ הייסט "אור" כשדים אלץ דאס פייער - קאלך-אויוון אין וואס נמרוד האט אריינגעווארפן דעם זיידן אברהם, קומט אויס אז אפילו ער איז נישט דארט געבוירן געווארן האט ער אבער דארט געווען אלץ יונג קינד

**געפילטע פיש** 29סטן אקטאבער 2014

וויאזוי וואלט ער געקענט געבוירן ווערן אין אור כשדים אויב דער נאמען איז ערשט געקומען ווען ער איז שוין געווען לפחות דריי יאר אלט?

**דולה ומשקה** 29סטן אקטאבער 2014

ביי דער מעשה מיט דעם קאלך-אויוון איז אברהם שוין געווען בערך 60 יאר אלט, ווייל דאס איז געווען נאך דעם דור הפלגה, ביי דער דור-הפלגה מעשה איז ער געווען 56 בערך.

**ציבעלע-קיגל** 30סטן אקטאבער 2014

אדער אין קרית יואל אדער אין שיכון סקווירא

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/7436.html

# ארכיוו

נומער 2 · דאנערשטאג פרשת לך לך תשפ"ז

## די קוועלער פון נומער 2

- **השבת אבידה – די פארלוירענע שעה** · זאלצוואסער · בלאג "זאלצוואסער", 3.11.2014
- **ר' מאטל דער ווייַן-מבין** · יואב · קאווע שטיבל, פארום "א שמייכל", 4.6.2013
- **מיין יוגנט מיט רבי לעמל אין אוישוויץ** · איש עברי · קאווע שטיבל, פארום "קונסט", 7.10.2014
- **משה איש האלקים** · א איד, זייגער, יאיר, הוגה · קאווע שטיבל, "פה-סח" אויסגאבע (תשע"ה), 13.4.2015
- **לך לך – פארוואס הערסטו נישט?!** · א שעפעלע · קאווע שטיבל, "תורה און מחשבה", 26.10.2023
- **ווי איז אברהם אבינו געבוירן געווארן?** · דולה ומשקה, זוכער, מ גפני, געפילטע פיש, ציבעלע-קיגל · קאווע שטיבל, "היסטאריע", 24–30.10.2014

## בילדער

- דער זייגער, דאס ווייַן-פלעשל און דער וועג אונטער די שטערן – געצייכנט פאר "ארכיוו"

## די ארכיוון

- **קאווע שטיבל** 2012–2024
- **היידפארק** 2003–2026
- **היימישע שטותים** 2004–2006
- **פאליש** 2013–2018
- **דער קרעטשמע** 2014–2018
- **היימישע קרעטשמע** 2006–2008
- **היימישע ווינקל** 2008–2010
- **אידישע וועלט** 2006–2011
- **יידיש נייעס פארום** 2009
- **אייוועלט** 2006–2024
- **אייוועלט** 2026–
- **א וועלט מיט וועלטעלעך** 2004–2012
- **זאלצוואסער** 2012–2021
- **די ערשטע חסידישע בלאגס** 2002–2021
- **קאווע שטיבל אויסגאבעס** 2012–2016
- **לקוטי בתר לקוטי** 2012–2025
- **מייסטערווערק** 2024
- **כוואליעס** 2024–
- **באלעבאס** 2010–2013

## א ווארט פון דער רעדאקציע

די טעקסטן זענען גענומען פון די ארכיוון פון די פארומס און בלאגס, מיט די ניקס פון די שרייבער. מיר האבן מגיה געווען אויסלייג און גראמאטיק, און פארקירצט וואו נויטיג ([פארקירצט]); דער אינהאלט און דער סטיל זענען פון די שרייבער אליין.